STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 04561

YIDN IN SOVETN-FARBAND

Solomon Rabinovich

•

Permanent preservation of this book was made possible
by Louis & Sylvia Schleimer
in honor of
their four children and their ten sons and daughters

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

שלמה ראַבינאָוויטש

ייִדן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד

פאַרלאַג פון דער
פּרעסע־אַגענטור „נאָוואָסטי“
מאָסקווע — 1965

שלמה ראבינאָוויטש — אַ זשורנאַליסט, אַ לאַנגיאָ־ריקער מיטאַרבעטער פון דער סאָוועטישער פּרעסע, דרוקט זיך אין זשורנאַל „סאָוועטיש היימלאַנד". געבוירן אין 1904 אין שטעטל אושאָמיר (אוקראַינע). אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה געדינט אַלס מאַ־יאָר אין דער סאָוועטישער אַרמיי, רעדאַגירט די פראָנט־צייטונג „ופּעריאָד נאַ זאַפּאַד" („פאָרויס אויף מערב"). פאַר שלאַכט־פאַרדינסטן באַלוינט מיט דריי פראָנט־אָרדענס. איצט אַרבעט ער אין דער פּרעסע־אַגענטור „נאָוואָסטי", דרוקט זיך אין דער פּראָגרעסיווער יידי־שער פּרעסע פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע, פון ישראל, פראַנקרייך, קאַנאַדע.

שלמה ראַבינאָוויטש איז איינער פון די מחברים פונעם זאַמלבוך „אַזוי לעבן מיר", וואָס איז סוף פאָריקן יאָר אַרויסגעגעבן געוואָרן דורך דעם זשורנאַל „סאָ־וועטיש היימלאַנד".

די פּרעסע־אַגענטור „נאָוואָסטי״ באַקומט פון פאַרשיידענע לענ־דער פיל בריוו, אין וועלכע עס ווערט אויסגעדריקט די בקשה צו דערציילן, ווי עס לעבט זיך די יידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. אויספילן אָט די בקשה האָבן מיר געבעטן דעם זשורנאַליסט ש ל מ ה ר אַ־ב י נ אָ וו י ט ש.

* * *

קודם־כל וועל איך זיך אָפּשטעלן דערויף, ווי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד איז געלייזט די נאַציאָנאַלע פראַגע.

לאָמיר צוליב דעם מאַכן אַ קורצן עקסקורס אין דער פאַרגאַנגענהייט. אין צאַרישן רוסלאַנד האָבן די גרויס־רוסן באַטראָפן 43 פּראָצענט פון דער באַפעלקערונג, די איבעריקע נאַציאָנאַליטעטן — 57 פּראָצענט. ווי מיר זעען, איז די פּראָפּאָרץ געווען ווייט ניט קיין גלייכע, און דאָך איז דער גאַנצער לעבנס־אופן אין דער מלוכה געווען צוגעפּאַסט בלויז צו די אינטערעסן פון דער גרויסרוסישער מינדערהייט. אויף די לעבנסוויכטיק־סטע פּראָבלעמען, וועלכע זיינען נוגע געווען די אַנ־דערע נאַציאָנאַליטעטן, האָט מען פּשוט ניט געלייגט קיין אַכט, איגנאָרירט.

אינעם פארר֞עוואָלוציאָנערן רוסלאַנד האָבן געוווינט אַסך אונטערדריקטע פעלקער — גרויסע און קליינע. זיי אַלע זיינען געווען שטאַרק אָפּגעשטאַנען עקאָנאָמיש, האָבן קיין אנונג נישט געהאַט וועגן וועלכער־נישט־איז פּאָליטישער און קולטורעלער אַנטוויקלונג. די ברייטע מאַסן זייערע זיינען געווען כמעט דורכויסיקע אַנאַלפאַבעטן, האָבן קיינמאָל קיין דאָקטער אין די אויגן נישט געזען, הונגער און קרענק זיינען געווען זייערע שטענדיקע באַגלייטער. קורץ — דאָס איז געווען אַ באַפעלקערונג, וואָס איז פאַראורטיילט אויף אַ לאַנגזאַמען אונטערגאַנג. דער צאַריזם, וואָס האָט זיך געהאַלטן ביי דער פאָרמולע פונעם אַלטן רוימישן סענאַט — „צעטייל און הערש", האָט אויף כּלערליי אופנים קולטיווירט אין לאַנד מחלוקת און שנאה צווישן די נאַציעס. דער רוסלענדישער קאַפּיטאַליזם האָט ארייַנגעשריבן אין דער געשיכטע די שענדלעכע בלעטלעך וועגן דער אַרמעניש־טערקישער שחיטה, וועגן דעם שרעקלעכן קאָלאָניאַלן יאָך אין מיטלאַזיע, וועגן די בלוטיקע פּאָגראָמען אויף יידן. אָט די פינצטערע פאַרגאַנגענהייט זעט איצט אויס אַזוי ווילד און ממש אומגלויבלעך, ווי די אויטאָדאַ־פע פון דער שפּאַנישער אינקוויזיציע, ווי די מיטלאַלטערלעכע פעסט־מגפות, ווי די גאַז־קאַמערן און קרעמאַטאָריומס אין אָשווענטשים, מאַידאַנעק און אַנדערע היטלעריסטישע טויט־לאַגערן.

די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט געמאַכט אַ סוף צו אָט דער פאַרברעכערישער פּאָליטיק, זי האָט אויסגעריסן מיט די וואָרצלען יעטווידע פאָרמען פון רדיפות

און דיסקרימינאַציע בנוגע דער ניט רוסישער באַפעל־קערונג פון לאַנד, בנוגע די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן.

די אויסלענדישע געסט און טוריסטן, וועלכע באַזוכן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, זעען גוט, ווי אין סאָוועטישן לאַנד ווערט שטרענג אָפּגעהיט דאָס אַרטיקל פון דער קאָנסטיטוציע, וווּ עס איז געזאָגט, אַז די גלייכע רעכט פון אַלע בירגער פון פּסר, אומאָפּהענגיק פון זייער נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקייט און ראַסע, אין אַלע געביטן פונעםווירטשאַפטלעכן, מלוכהשן, קולטורעלן און געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישן לעבן, איז אַ געזעץ, וואָס קאָן נישט געענדערט ווערן.

אינעם קרימינעלן קאָדעקס פון דער רוסלענדישער סאָוועטישער פעדעראַטיווער סאָציאַליסטישער רעפּובליק — רספסר (אַרטיקל 74), ווי אויך אין די קרימינעלע קאָדעקסן פון די אַנדערע פאַרבאַנדישע רעפּובליקן, איז פאָרויסגעזען אַ שטרענגע שטראָף (תפיסה פון זעקס חדשים ביז דריי יאָר אָדער פאַרשיקונג אויף אַ טערמין פון צוויי ביז פינף יאָר) פאַר יעטווידן פּרווו צו שפּרייטן ראַסאָווע אָדער נאַציאָנאַלע שנאה, פאַר באַליידיקן די נאַציאָנאַלע ווירדע, פאַר באַגרענעצן אין די רעכט אָדער, פאַרקערט, געבן פּריווילעגיעס בירגער צוליב זייער ראַסאָווער אָדער נאַציאָנאַלער אָנגעהעריקייט.

די יונגע סאָוועטן־רעפּובליק האָט שוין אינעם ערשטן טאָג, ווען זי האָט זיך באַוויזן אויף דער וועלט, אָנגענומען ראַדיקאַלע מאָסמיטלען, כדי מאַכן אַ סוף צו דער שענדלעכער ירושה פונעם צאַריזם — צו דער נאַציאָ־

נאַלער אומגלייכהייט. זי האָט דערקלערט אַן אַנטשיי־דענעם קאַמף קעגן די רעשטן פון אַנטיסעמיטיזם, וואָס איז געפּלאַנצט געוואָרן אין משך פון לאַנגע דורות.

איינער פון די ערשטע געזעצגעבערישע אַקטן פון דער סאָוועטן־רעגירונג איז געווען די „דעקלאַראַציע וועגן די רעכט פון די פעלקער פון רוסלאַנד“, געחתמעט דורך לענינען דעם 3 (16) נאָוועמבער 1917. די דעקלאַ־ראַציע האָט פּראָקלאַמירט פולע פּאָליטישע פרייהייט פאַר אַלע פעלקער, גאַראַנטירט פאַר יעטווידער נאַציע דאָס רעכט אויף זעלבסטבאַשטימונג, ביז אָפּטיילן זיך און אויסבילדן אַ זעלבסטשטענדיקע מלוכה. אין דער דעקלאַראַציע איז געווען געזאָגט: „מכּוח דער פראַגע וועגן די נאַציאָנאַליטעטן פון רוסלאַנד לייגט די סאָ־וועטן־מאַכט אין תוך פון איר טעטיקייט פאָלגנדיקע פּרינציפּן: 1) די גלייכהייט און סוווערעניטעט פון די פעלקער פון רוסלאַנד; 2) דאָס רעכט פון די פעלקער פון רוסלאַנד אויף פרייער זעלבסטבאַשטימונג ביז אָפּ־טיילן זיך און אויסבילדן אַ זעלבסטשטענדיקע מלוכה; 3) די אָפּשאַפונג פון אַלע און כלערליי נאַציאָנאַלע און נאַציאָנאַל־רעליגיעזע פּריווילעגיעס און באַגרענעצונ־גען; 4) די פרייע אַנטוויקלונג פון די נאַציאָנאַלע מינ־דערהייטן און עטנאָגראַפישע גרופּעס, וועלכע וווינען אויף דער טעריטאָריע פון רוסלאַנד“.

דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אַ קאָלאָסאַל לאַנד. זיין באַפעלקערונג באַטרעפט בערך 228 מיליאָן מענטשן, וועלכע געהערן צו 109 פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן און צו 11 קלענערע נאַציאָנאַלע גרופּעס. די גרונט־פעלקער

פונעם פאַרבאַנד — דאָס הייסט 97,6 פּראָצענט פון דער
גאַנצער באַפעלקערונג — האָבן אין הסכם מיטן גרונט־
געזעץ (קאָנסטיטוציע) פון פסס״ר באַקומען זייערע נאַ־
ציאָנאַלע מלוכהשע אויסבילדונגען — פאַרבאַנדישע און
אויטאָנאָמע רעפּובליקן, נאַציאָנאַלע געגנטן און נאַ־
ציאָנאַלע קרייזן. לאָמיר נעמען אַלס ביישפּיל אַזעלכע
גרויסע פאַרבאַנדישע רעפּובליקן, ווי רספסר, אוזבעּ־
קיסטאַן, גרוזיע, אַזערביידזשאַן. די דאָזיקע רעפּובליקן
האָבן אין זייער באַשטאַנד אויך אויטאָנאָמע רעפּובליקן.
אין גאַנצן סאָוועטן־פאַרבאַנד זיינען פאַראַן 15 פאַרבאַנ־
דישע און 20 אויטאָנאָמע רעפּובליקן. אָט אַזוי איז אָר־
גאַניזירט, ווי געזאָגט, 97,6 פּראָצענט פון דער באַפעל־
קערונג. די איבעריקע 2,4 פּראָצענט, וועלכע האָבן ניט
קיין אייגענע מלוכהשע אויסבילדונגען אין סאָוועטן־
פאַרבאַנד, זיינען פאָרשטייער פון אַזעלכע פעלקער, וואָס
דער גרעסטער טייל זייערער וווינט מחוץ די גרענעצן
פון פסס״ר, — אַשטייגער די דייטשן, פּאָליאַקן, בולגאַרן,
קורדן, גריכן.

איך קלייב זיך נישט געבן דאָ אַ גענויע באַשרייבונג
וועגן אַלע פאָרמען פון די נאַציאָנאַלע סאָוועטישע
מלוכהשע אויסבילדונגען — דאָס איז אַ טעמע פאַר אַ
באַזונדערן שמועס. חוץ דעם וואָלט אונדז אַזאַ באַשריי־
בונג אוועקגעפירט פון דער גרונט־טעמע, וועלכע מיר
באַהאַנדלען דאָ. עס איז אָבער נויטיק צו באַטאָנען, אַז די
פאַרשיידנאַרטיקייט פון די אָנגערופענע מלוכהשע אויס־
בילדונגען שטאַמט פון דער זאָרג פון דער סאָוועטן־
מאַכט, אַז עס זאָלן אַמפולסטן און אַלזייטיק פאַרווירק־

לעכט ווערן אין לעבן די רעכט און די אינטערעסן פון יעדן איינעם פון די פעלקער, וואָס וווינט אויף דער טע־ריטאָריע פונעם סאָוועטן־פארבאנד, — סיי פון די גרויסע, סיי פון די קליינע. לאָמיר נעמען אזא ביישפּיל. כדי אינעם העכסטן מאכט־אָרגאן פונעם לאנד — אינעם אויבער־סאָוועט פון פססר — זאָלן זיין ריכטיק רע־פּרעזענטירט די אינטערעסן פון אלע ארבעטנדיקע פו־נעם סאָוועטן־פארבאנד, אומאָפּהענגיק פון זייער נאציאָ־נאלער אָנגעהעריקייט, זיינען דאָ אויסגעבילדעט געוואָרן צוויי גלייכבארעכטיקטע פּאלאטעס — דער פארבאנד־ראט און דער נאציאָנאליטעטן־ראט. די וואל־נאָרמעס פאר דיביידע פּאלאטעס זיינען אזעלכע: דער פארבאנד־ראט ווערט אויסגעוויילט לויט אן איינהייטלעכער נאָר־מע פאר אלע רעפּובליקן — צו איין דעפּוטאט פון 300 טויזנט איינוווינער. פונדאנען איז צו זען, אז אויב דער אויבער־סאָוועט פון פססר וואָלט באשטאנען בלויז פון איין פּאלאטע, וואָלטן די גרעסערע רעפּובליקן פּראק־טיש געהאט אין אים א פאָרצוג לגבי די קלענערע. כדי אויסמיידן אזא לאגע, ווערט די צווייטע פּאלאטע — דער נאציאָנאליטעטן־ראט — אויסגעוויילט דורך א ג ל יי־כ ע ר צאָל דעפּוטאטן פון יעטווידער רעפּובליק, אומ־אָפּהענגיק פון דער גרויס פון איר טעריטאָריע און פון דער צאָל פון איר באפעלקערונג. די נאָרמע איז אזא: פון א פארבאנדישער רעפּובליק ווערן אויסגעוויילט אין נאציאָנאליטעטן־ראט צו 25 דעפּוטאטן, פון אן אויטאָ־נאָמער רעפּובליק — צו 11, פון אן אויטאָנאָמער געגנט — צו 5, פון א נאציאָנאלן קרייז — צו 1 דעפּו־

טאַט. און לאָמיר דערביי באַמערקן, אַז אַ געזעץ קאָן אָנגענומען ווערן דורכן איבער־סאָוועט בלויז אין דעם פאַל, ווען עס ווערט באַוויליקט דורךביידע פּאַלאַטעס.

אַלע רעפּובליקן און אויטאָנאָמע געגנטן האָבן זעלבסטשטענדיקע מלוכהשע אָרגאַנען (אויספירערישע, וועגן פּלאַן־פראַגן, ווירטשאַפטלעכע), אייגענע בודזשעטן. זיי האָבן אויך זייער פּרעסע, ראַדיאָ, טעלעוויזיע, אייגענע טעאַטערן, קינדער־שולן, אינסטיטוטן, וועלכע אַרבעטן אַלס כּלל אויף די אָרטיקע נאַציאָנאַלע שפּראַכן.

„אין וועלכן לאַנד פון דער וועלט זיינען מיר אנערקענט אלס א גלייכבארעכטיקט פאָלק? וועלכע רעגירונג שאפט פאר אונדז אלע מעגלעכקייטן פאר א פראָגרעסיוו לעבן? ווו איז דער אנטיסעמיטיזם דערקלערט אלס א מלוכה־פארברעכן? ווו זיינען פאר אונדז אָפן אלע וועגן פאר דער אנטוויקלונג פון די פיזישע און גייסטיקע כוחות? אין ערגעץ אין דער גאָרער וועלט האָבן מיר נישט קיין רעכט, וואָס זאָלן זיין אזוי גרויס סיי לויט זייער מדרגה, סיי לויט זייער פארנעם, ווי אינעם סאָוועטן־פארבאנד“ (חיים זשיטלאָווסקי — א געלערנטער און יידישער געזעלשאפטלעכער טוער אין אמעריקע).

אויף וויפל אין דער בראָשור ווערט דערציילט וועגן דעם לעבן פון די יידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווילט זיך זאָגן דאָ כאָטש עטלעכע ווערטער וועגן דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט. די דאָזיקע געגנט איז אויסגעבילדעט געוואָרן לויטן באַשלוס, וועלכן עס האָט דעם 7 מאַי 1934 אָנגענומען דער צענטראַלער

אויספיר־קאָמיטעט פון פסםר (אזוי האָט דעמאָלט געהייסן דער איצטיקער אויבער־סאָוועט פון פסםר).

די יידישע אויטאָנאָמע געגנט (אָדער, ווי מע רופט זי צומאָל, ביראָבידזשאַן) געפינט זיך אויפן ווייטן מזרח און איז א טייל פונעם כאַבאַראָווסקער קאַנט. זי איז ארומגערינגלט מיט די זייער שיינע בערג פונעם קליינעם כינגאַן און ציט זיך לענגאויס דעם פולוואסערדיקן טייך אמור, איבערן ראַיאָן פונעם וואסער־שייד פון די צוויי אמורער בייטייכן — בירא און בידזשאַן. די געגנט פארנעמט א שטח פון 35 טויזנט 800 קוואדראט־קילאָמעטער און איז, אזוי ארום, גרעסער פון דער גאנצער טעריטאָריע פון בעלגיע. פון דער זייט פונעם טייך אמור גרענעצט זי מיט דער כינעזישער פאָלקס־רעפּובליק.

פינף אדמיניסטראטיווע צענטערן פארמאָגט די געגנט, צוויי שטעט — ביראָבידזשאַן און אָבלוטשיע, צוועלף ישובים פון שטאָטישן טיפּ — כינגאַנסק, בירע, ביראַקאַן, לאָנדאָקאָ, טעפּלאָאָזערסק, סמידאָוויטש און אנד., אויך 43 דערפער.

ווען די געגנט איז אויסגעבילדעט געוואָרן, דאָס הייסט אין 1934, איז איר אינדוסטריע באשטאנען פון סך־הכל 15 געווערב־ארטעלן און א צענדליק קליינע פאַבריקלעך. פאַר די פארלאָפענע דרייסיק יאָר זיבעצן דאָ אויסגעבויט געוואָרן 50 גרויסע אונטערנעמונגען, צווישן זיי זאַוואָדן פון קאָלירטער מעטאלורגיע, פון מאשינבוי־אונג, צעמענט־פּראָדוקציע, האָלץ־באארבעטונג, פאבריקן, וווּ מען ארבעט אויס פּאַפּיר, טעקסטיל־סחורות, טריקאָטאַזש־ארטיקלען, שוכווארג, שפּייז־פּראָ־

דוקטן, בוי־מאטעריאלן, דעטאלן און קאָנסטרוקציעס פון הייזער־בויאונג און נאָך און נאָך.

די יידישע אויטאָנאָמע געגנט גיט איצט ארויס אין משך פון איין וואָך בערך אזויפיל פּראָדוקציע (גע־רעכנט אין געלט), וויפל זי האָט ארויסגעלאָזט פארן גאנצן יאָר 1934.

אלע טאָג גייען אָפּ פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט וואגאָנעס און פּלאטפאָרמעס, צומאָל אויך גאנצע צוגן מיט טראנספּאָרמאטאָרן, צוטשעפּ־פּלאטפאָרמעס צו אויטאָטראקטאָרן, בוי־מאטעריאלן, בגדים, שוכווארג, טעקסטיל, טריקאָטאזש, שפּייז־פּראָדוקטן. זיי פירן די סחורות אין די שטעט און דערפער פון כאבאראָווסקער קאנט און אין אנדערע פונקטן פונעם סאָוועטישן לאנד.

א גרויס אָרט פארנעמט אין דער געגנט די אנט־וויקלונג פון בילדונג און קולטור. דאָ זיינען אָפּן 160 שולן, וווּ עס לערנען כמעט 40 טויזנט קינדער. עס ארבעטן דאָ א פּעדאגאָגישע שול, א מעדיצינישע, טעכ־נישע, מוזיקאלע, אויך א טעכניקום, וואָס גרייט מעכא־ניזאטאָרן פון דער לאנדווירטשאפט.

א ביז גאָר ערנסטער קולטור־צענטער איז געוואָרן די געגנטלעכע ביבליאָטעק אויף שלום־עליכמס נאָמען. אויף אירע פּאָליצעס קאָן מען זען אלע ווערק פון דער יידישער קלאסישער און היינטצייטיקער ליטעראטור. אין די ביבליאָטעק־זאלן קומען אָפּט פאָר ליטעראריש־קינסטלערישע אָוונטן.

די געגנטלעכע ראדיאָ גיט איבער אוידיציעס אין יידיש: לידער, ליטעראַרישע ווערק, דערציילונגען וועגן

דעם לעבן אין דער געגנט. אין אלע ישובים פון דער געגנט, ווי אין איר צענטער ביראָבידזשאַן, טרעטן אָפט ארויס מיט קאָנצערטן פּראָפעסיאָנעלע יידישע מוזי־קאַנטן און עסטראַדע־ארטיסטן. אין ביראָבידזשאַן דער־שיינען רעגולער צוויי געגנטלעכע צייטונגען: „ביראָ־בידזשאַנסקאַיאַ זוועזדאַ״ (אין רוסיש) און „ביראָ־בידזשאַנער שטערן״ (אין יידיש). זייער פּראָדוקטיוו ארבעטן די אַרטיקע יידישע שרייבער.

נאָך אין 1914 האָט לענין געשריבן, אז די יידן־פּראַ־גע קאָן געלייזט ווערן צוזאמען מיט אלע גרונט־פּראַגן, וועלכע שטייען אין טאָג־סדר פון רוסלאַנד. די אָקטאָ־בער־רעוואָלוציע, וואָס האָט ראַדיקאַל געענדערט צום גוטן די לאַגע פון אלע פעלקער פונעם פילנאַציאָנאַלן רוסלאַנד, האָט ארויסגעפירט אויפן ברייטן שליאַך פון פרייער, שעפערישער בויאונג אויך דאָס יידישע פאָלק. די יידן האָבן באַקומען נישט בלויז דאָס יורידישע רעכט, נאָר די פּראַקטישע מעגלעכקייט צו אָנהויבן בויען פאַר זיך אַן אנדער לעבן, אויף אינגאַנצן נייע יסודות.

ווי זעען אויס די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן די סאָוועטישע נאַציאָנאַליטעטן?

אלע סאָוועטישע פעלקער זיינען שטענדיק גרייט ארויסצווייזן אײנס דעם צווייטן כלערליי הילף, דערביי אָן קיין שום אייגננוץ. מיר וועלן דאָס אילוסטרירן מיט אַ ביישפּיל פונעם גאַנץ נאָענטן עבר.

עס איז באַוווסט, אז כדי מען זאָל די אונטערדריקטע

פעלקער פון דער רוסלענדישער אימפעריע קאָנען אַרויספירן אויפן וועג פון אַ פריי, פּראָכטבאַר און קול־טורעל לעבן, איז געווען ווייניק צו פּראָקלאַמירן בלויז זייער פּאָליטישע פריהייט. ווער האָט דאָס געקאָנט וויסן, וויפל יאָרן וועלן זיך פאָדערן אויף צו ענדערן דעם גאַנצן לעבנס־אופן פון די מענטשן, וועלכע האָבן קיינ־מאָל ניט געהערט אפילו פון אַ פאַבריק, פון אַן אייזנ־באַן; וויפל צייט וועט נויטיק זיין אויף אויסצוואָרצלען ביי אָט די מענטשן די פון דורות איינגעפלאַנצטע נאַ־ציאָנאַלע שנאה, אויף אויסלערנען לייענען און שרייבן אַ פאָלק, וואָס האָט ניט פאַרמאָגט קיין אייגענעם אלף־בית, נאָך מער — וואָס ווייסט אפילו נישט, וואָס איז דאָס אַזוינס אַן אלף־בית. די אומגלייכהייט פון די פעלקער, וואָס איז אַזוי לאַנג געווען טיף איינגעוואָרצלט אין אָט דעם גרויסן, גרענעצלאָזן לאַנד, האָט זיך געלאָזט פילן אויף שריט און טריט.

כדי די פּראָקלאַמירטע רעכט זאָלן באַקומען אַ פּראַקטישע באַדייטונג, האָט די סאָוועטן־מלוכה גענומען אַ קורס אויף צו אַנטוויקלען וואָס שנעלער די עקאָנאָ־מיק אין יענע ראַיאָנען, וווּ עס האָבן געלעבט די אונ־טערדריקטע פעלקער. ביי דעם אומיטלבאַרן אָנטייל און ביי דער הילף פון די מער אַנטוויקלטע נאַציעס, קודם־כל פון דער רוסישער נאַציע, האָבן די ראַנד־געגנטן פון לאַנד ראַדיקאַל געענדערט זייער עקאָנאָמיש און קולטורעל פּנים.

אין דער אוזבעקישער רעפּובליק, אַשטייגער, פּראָ־דוצירט מען בוימוואָל. ביז דער רעוואָלוציע פלעגט

מען דעם אוזבעקישן בוימוואָל פירן צום באַאַרבעטן אין די צענטראַלע ראַיאָנען פון רוסלאַנד. איצט איז אוזבעקיסטאַן גופא געוואָרן איינער פון די צענטערס פון דער הויך־אַנטוויקלטער טעקסטיל־אינדוסטריע. די קונסט צו פאַרוואַנדלען בוימוואָל אין טעקסטיל האָבן די אוזבעקן זיך אויסגעלערנט ביי די רוסישע וועבער און שפּינער. אין דער זעלבער רעפּובליק קומט פאָר אַ אינטענסיווע אַנטוויקלונג אויך פון אַנדערע אינדוסטריע־צווייגן.

אַלע פופצן פאַרבאַנדישע סאָוועטישע נאַציאָנאַלע רעפּובליקן (און אין זייער באַשטאַנד אַלע 20 אויטאָנאָמע רעפּובליקן, 8 אויטאָנאָמע געגנטן און 10 נאַציאָנאַלע קרייזן) האָבן אַדאַנק דער נייער, ברייט אַנטוויקלטער מאָדערנער עקאָנאָמישער באַזע באַקומען די פולע מעגלעכקייט צו אַנטוויקלען מיט שנעלע טעמפּן די וויסנשאַפט און קולטור.

די קעגנזייטיקע באַציאונגען צווישן די סאָוועטישע פעלקער זיינען באַציאונגען פון געטרייע חברים און מיטקעמפער, זיי אַרבעטן צוזאַמען און נעמען צוזאַמען אַן אַקטיוון אָנטייל אינעם בויען דאָס נייע לעבן. איך וועל לחלוטין ניט מגזם זיין, אויב איך וועל זאָגן, אַז די געפילן פון סאָלידאַריטעט און פריינטשאַפט צווישן די פעלקער איז אַריין אין בלוט און פלייש פון די סאָוועטישע מענטשן, איז געוואָרן אַ נאַטור־געזעץ פון זייער טאָגטעגלעכן לעבן.

און ווי קאָן דען זיין אַנדערש? צי וואָלט מען געקאָנט, אַשטייגער, בלויז מיט די קרעפטן פון דער אַר־

טיקער באַפעלקערונג אָרגאַניזירן אין די ראַיאָנען פון בייוואַלגע און באַשקיריע, פון מיטל־אוראַל און מערב־סיביר די אויסשפּירונג, דעם אַרויסבאַקום און די אײַבעראַרבעטונג פון די אויסערסט רייכע נאַפט־רעזערוון, אויסבויען אַזעלכע עלעקטרישע ריזן־סטאַנציעס, ווי די קויבישעווער און וואָלגאָגראַדער, בוכטאַרמער און בראַטסקער?

דעם קאַראַגאַנדער מעטאַלורגישן זאַוואָד, וואָס געפינט זיך אין דער קאַזאַכישער רעפּובליק, האָבן געבויט מענטשן פון פיר און דרייסיק נאַציאָנאַליטעטן. די בראַטסקער הידראָעלעקטרישע סטאַנציע אויפן טייך אַנגאַראַ (סיביר) איז אויסגעבויט געוואָרן מיט די הענט פון די אַרבעטער און אינזשעניערן, וועלכע שטאַמען פון איין און פערציק נאַציאָנאַליטעטן. אַזעלכע בײַשפּילן קאָן מען ברענגען אָן אַ שיעור. עס האָבן באמת קיין גרענעץ ניט די קרעפטן, וועלכע עס פאַרמאָגט אין זיך דער סאַמע מענטשלעכער, סאַמע הומאַנער מאָראַלישער פּרינציפּ: „איין מענטש דעם צווייטן איז אַ פרײַנט, אַ חבר און אַ ברודער“.

שטיצע, הילף, פרײַנטשאַפט — אַזאַ איז דער דעוויז פונעם סאָוועטישן מענטשן. און דער דאָזיקער דעוויז איז גילטיק ניט בלויז אין גוטע צײַטן, נאָר אויך אין אַן עת צרה... איך דערמאָן זיך די שווידערהאַפטסטע יאָרן, וועלכע מיר, יידן, האָבן איבערגעלעבט, — די יאָרן פון דער לעצטער מלחמה. אין דער גאַנצער דורות־לאַנגער געשיכטע פונעם יידישן פאָלק — אַרײַנגערעכנט די פינצטערע צײַטן פון דער רוימישער הערשאַפט און

פון מיטלאַלטער — איז ניטאָ קיין מער טראַגישע בלאַט, איידער די אומגליקן און ליידן, וועלכע עס האָט אים געבראַכט דער פאַשיזם. די מענטשנפיינטלעכע, חיהשע פאַרפאָלגונג ווען די פאַרצוגן פון דער „אַרישער ראַסע" האָט אַלע פעלקער אָפּגעקאָסט אַן אַ שיעור מענטשלעכע לעבנס. פאַרן יידישן פאָלק אָבער איז זי געוואָרן אַ שרעקלעכע נאַציאָנאַלע טראַגעדיע. היטלערס אָפיציעלע ראַסיסטישע פּראָגראַם איז באַשטאַנען דערין, אַז אַלע יידן, ווו זיי זאָלן זיך ניט געפינען, זאָלן ווערן אומגע־בראַכט און אָפּגעמעקט פון דער ערד. די שטעט און שטעטלעך, ווו יידן האָבן געוווינט כמעט טויזנט יאָר, זיינען נאָך דעם, ווי זיי זיינען באַטראָטן געוואָרן דורך די שטיוול פון די היטלער־האָרדעס, פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין בערג הרוגים און אַש.

„אויב מיר לעבן, האָבן מיר דערפאַר צו פאַרדאַנקען דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד" (באַוווסטער אַדוואָקאַט אַנדרע בלימעל, געוועזענער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער פעדעראַציע אין פראַנקרייך).

אין יענער שווערער צייט האָט די סאָוועטן־מלוכה, וואָס האָט געפירט בלוטיקע געראַנגלען מיטן גרויזאַ־מען, פון קאָפּ ביז די פיס באַוואָפנטן שונא, געפונען מיטלען און מעגלעכקייטן צו עוואַקויִרן אין טיפן הינטערלאַנד, ווייט פון די פראָנטן, אַ וואָס גרעסערע צאָל מענטשן — אוקראַאינער, ווייסרוסן, ליטווינער, לעטן, עסטן און פון פיל אַנדערע נאַציאָנאַליטעטן. הונ־

דערטער טויזנטער יידן פון אוקראַינע, ווייסרוסלאַנד, פון די באַלטישע לענדער, וועמען עס האָט געדראָעט אַ זיכערער טויט, האָבן געפונען אַ היים אין באַשקיריע, קירגיזיע, טאַדזשיקיסטאַן, אוזבעקיסטאַן, קאַזאַכסטאַן, סיביר, אויף אוראַל.

דער געזעלשאַפטלעכער טוער פון איטאַליע משה קאַהאַנאָוויטש האָט אין זיין בוך וועגן דער צווייטער וועלט־מלחמה (דערשינען אין רוים אין 1948) ריכטיק אָנגעוויזן, אַז „אין אַ מאָמענט, וואָס איז געווען דער סאַמע קריטישער פאַרן יידישן פאָלק, האָט די סאָוועטן־רעגירונג געראַטעוועט די יידן פון אַ זיכערן טויט. און דאָס האָט געגעבן די מעגלעכקייט צענדליקער טויזנטער יידן פון אוקראַינע צו דערלעבן דעם סוף פון דער מלחמה". כמעט 300 טויזנט יידן, וועלכע זיינען צוליב דער אינוואַזיע פון די היטלערישע האָרדעס אַנטלאָפן פון פוילן, האָבן געפונען זייער רעטונג אויף דער סאָוועטישער ערד און נאָך דער מלחמה האָבן זיי באַקומען די מעגלעכקייט צו פאַראייניקן זיך מיט זייערע משפחות, וואָס האָבן זיך געפונען סיי אין פוילן, סיי אין אַנדערע לענדער. לויט די אויסרעכענונגען פונעם אַמעריקאַנער זשורנאַליסט פסח נאָוויק, האָבן „בלויז אויף דער טעריטאָריע פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד זיך געראַטעוועט צוויי מיליאָן יידן".

די ידיעות וועגן די רציחות איבער דער יידישער באַפעלקערונג אין די אָקופּירטע ראַיאָנען זיינען אויפגענומען געוואָרן מיט טיפן ווייטעק דורך די סאָוועטישע מענטשן. די גרעסטע דיכטער פון אוקראַינע פּאַוולאָ

טיטשינא און מאקסים רילסקי האָבן אין יענער צייט אָנגעשריבן פּלאָמיקע לידער וועגן דער טראַגעדיע פֿונעם יידישן פֿאָלק. א שטארקן רושם האָט געמאַכט דאָס ליד פֿונעם אוזבעקישן דיכטער און געלערנטן גאַפור גוליאַם, וועלכעס איז אָפּגעדרוקט געוואָרן אין 1942 אין דער סאָוועטישער פּרעסע, — „איך בין א ייד". די היטלער־פּראָגראַם צו אָפּמעקן פֿולשטענדיק פֿון דער ערד דאָס יידישע פֿאָלק האָט פֿאַרשטאַרקט דעם האַס צום שונא, האָט גערופֿן צו פּראַקטישע מעשים. ווען מינסק איז געווען אָקופּירט דורך די פֿאַשיסטן, האָט די קאָמוניסטישע אונטערערד אין געטאָ צוזאַמען מיט דער

„רוסלאַנד וויסט פֿון הויכער מענטשלעכקייט. נישט אומזיסט האָט דאָס רוסישע פֿאָלק אָנגעהויבן די נייע תקופה. וועגן ברידערלעכקייט האָבן געטרוימט סיי ראַדישטשעוו, סיי די דעקאַבריסטן, סיי טשערנישעווסקי, סיי די באָלשעוויקעס. נישט די געזעצן פֿון די קייסאָרים — די נשמה פֿונעם רוסישן פֿאָלק האָט פֿאַרקניפּט די פֿאַרבינדונג פֿון די רוסישע יידן מיט רוסלאַנד. אויף צו פֿאַרטיידיקן די געדרודפטע האָבן געלאָזט הערן זייערע אייביק לעבנדיקע שטימען טאָלסטאָי און שטשעדרין, באַרקי און לענין" (איליא ערענבורג).

פּאַרטיזאַנישער קאָמאַנדשאַפֿט געמאַכט העראָישע באַמיאונגען אַרויסצופֿירן פֿון געטאָ און אַריבערפֿירן אין וואַלד צו די פּאַרטיזאַנער וואָס מער מענטשן. אַדאַנק דעם זיינען פֿיל טויזנטער מענטשן פֿון מינסקער

געטאָ געראַטעוועט געוואָרן פֿון אַ זיכערן טויט. אַסך פֿון זיי וווינען אויך איצט און אַרבעטן אין ווייסרוסלאַנד.

מען קאָן ברענגען אַ היפּשע צאָל פֿאַקטן, ווען רוסן, אוקראַינער, ווייסרוסן, ליטווינער, לעטן האָבן געשטעלט אין סכּנה זייער אייגן לעבן, כּדי ראַטעווען צום טויט פֿאַראורטיילטע ייִדן. אין קאָוונע, למשל, האָבן די רוסישע פּרויען נאַטאַליע פּוגאַלעוויטש און נאַטאַליע יעגאָראָווא געעפֿנט בא זיך אין דער היים אַ „מאַלינע”, וווּ עס האָבן זיך אויסבאַהאַלטן ייִדן, וועלכע זיינען אַנטלאָפֿן פֿון געטאָ. דרייסיק ייִדן האָבן זיך געראַטעוועט אינעם אוקראַינישן דאָרף בלאַגאָדאַטנאָיע. אויסבאַהאַלטן האָט זיי דאָ, שטעלנדיק אין סכּנה דאָס אייגענע לעבן, דער קאָלווירטישער בוכהאַלטער פּאַוועל זינטשענקאָ. די פּויערים פֿונעם אוקראַינישן דאָרף זאַקוטענצי, זשיטאָמירער געגנט, ניקאָלאַי סיטש, וולאַדימיר דיאַטשוק, נאַטאַליע שוליאַק, גאַלינע פּיסיק און פּאַוועל קאָווטאָניוק האָבן דריי יאָר נאָכאַנאַנד אויסבאַהאַלטן בא זיך אין שטוב דאָס געזינד פֿונעם בערדיטשעווער שניידער שמואל בלימעס. אינעם זעלבן בערדיטשעוו וווינען ביז איצט הונדערט משפּחות, וועלכע האָבן צו פֿאַרדאַנקען פֿאַר זייער לעבן דער הילף פֿון דער אָרטיקער אוקראַינישער באַפֿעלקערונג.

די פֿאַשיסטן האָבן געוואָלט ניט בלויז פֿאַרטיליקן אונדז, ייִדן. זיי האָבן געוואָלט, אַז מיר זאָלן אַוועק פֿון דער וועלט מיט אַ שטעמפּל פֿון פּחדנים. די געשיכטע האָט זיך אָבער אויסגעלאַכט פֿון זיי. דער אויפֿשטאַנד אין וואַרשעווער געטאָ און אין די געטאָס פֿון אַנדערע

שטעט, די ייִדן, וואָס האָבן מלחמה געהאַלטן אין די פּאַרטיזאַנישע מחנות, האָבן דערלאַנגט די היטלעריסטן פילבאַרע טויט־קלעפּ. די סאָוועטישע ייִדן, וועלכע האָבן געפּילט די ברידערלעכע שטיצע מצד די רוסן, אוקראַי־נער, ווייסרוסן, אוזבעקן, אַרמענער — פונעם גאַנצן סאָוועטישן פאָלק, האָבן מאַרשירט אַקסל־צו־אַקסל מיט זיי אין דער גרויסער שלאַכט פאַר דער ערע און פריי־הייט פונעם סאָוועטישן היימלאַנד. דעם 21 נאָוועמבער 1942 האָט די מאָסקווער „פּראַוודאַ" געשריבן וועגן דעם, ווי אין דער שלאַכט אויף די וואָלגע־ברעגן האָבן דריי סאָוועטישע קריגסלייט — דער ייִד שוחט, דער אוקראַינער טקאַטשענקאָ און דער רוס טשערענצאָוו — זיך געשלאָגן קעגן 85 היטלעריסטן און אין אַ הייסן געראַנגל זיי באַזיגט.

„איך טראַכט אָפט וועגן דעם, אַז מיר זיינען דער ערשטער דור אין משך פון פיל יאָרטויזנטער, דער ערש־טער דור ייִדן, וואָס פאַרמאָגן אַן אייגן היימלאַנד. מן הסתם דערפאַר טאַקע האָב איך ליב דאָסדאָזיקע לאַנד, ווי מען האָט ליב די ערשטע ליבע" (פונעם לעצטן בריוו פון דעם יונגן סאָוועטישן דיכטער און מיליטער־מאַן פּאַוועל קאַגאַן, וואָס איז אומגעקומען אין 1942 בעת אַ געראַנגל מיט די פאַשיסטן אין ראַיאָן פון נאָוואָראָסעיסק).

די ברידערלעכע פריינטשאַפט צווישן די סאָוועטישע מענטשן האָט זיך שטאַרק געפּילט אין די סאַמע דראַ־מאַטישע סיטואַציעס. אין איינעם פון די ווייסרוסישע דערפער, פונוואַנען דאָס סאָוועטישע מיליטער האָט

פאַריאָגט די היטלעריסטן אין 1944, האָבן די פויערים מיר דערציילט אַ דערשיטערנדיקע געשיכטע וועגן דעם, ווי די פאַשיסטן האָבן פאַרכאַפּט אין געפאַנגענשאַפט דריי רוסישע קריגסלייט און באַפוילן זיי: „גראָבט אַ קבר פאַר די יידן". די רוסן האָבן געענטפערט: „ניין!" דע־מאָלט האָבן די פאַשיסטן באַפוילן די יידן: „גראָבט אַ קבר פאַר די רוסן". האָבן די יידן געענטפערט: „ניין!" די פאַשיסטן האָבן דערשאָסן אי די יידן, אי די רוסן. דער באַוווסטער יידישער סאָוועטישער דיכטער איציק פעפער האָט אָט דעם הערלעכן פאַקט פון פעלקער־פריינטשאַפט פאַראייביקט אין זיין רירנדיק ליד „אַ באַ־לאַדע וועגן דעם ברודער־קבר".

„מיר האָבן אינאיינעם געלעבט דאָ, געבויט,
און ווען אינאיינעם באַגעגענען דעם טויט!", —

האָבן די רוסן מיט צאָרן געוואָרפן אין פּנים די פאַ־שיסטן.

„מיר האָבן געהאַנדלט מיט אַלץ אין דער וועלט,
נאָר ניט מיט געוויסן!" —

האָבן מיט האַס געענטפערט די יידן.

אין די מלחמה־יאָרן האָב איך, אַ סאָוועטישער אָפי־ציר, דורכגעמאַכט מיט שלאַכטן אַ גרויסן וועג — פון מאָסקווע ביז די מערב־גרענעצן פון דייטשלאַנד. איך בין צוויי מאָל געווען פאַרוווּנדעט, באַלוינט געוואָרן מיט דריי שלאַכט־אָרדענס. און איך דערמאָן מיט שטאָלץ די נעמען פון די יידן, וועלכע האָבן מוטיק געשלאָגן זיך

קעגן די היטלעריסטן אין דער לופט, אויפן ים און אויף דער יבשה. די פאשיסטישע פארכאפערס האָבן אויף זייערע אייגענע לייבער דערפילט, ווי פינקטלעך עס טרעפן די טאָרפעדעס פון דער לעגענדארער אונטער־וואסער־שיף „מאליוטקא", וועמענס קאָמאנדיר עס איז געווען דער העלד פונעם סאָוועטן־פארבאנד ישראל פי־סאנאָוויטש, ווי טרעפלעך עס שיסן די הארמאטן פון דער ארטילעריש פאראייניקונג פונעם גענעראל־לייטענאנט הירש פלאסקאָוו, די גראנאטעס פונעם מאָסקווער זיי־גערמאכער, דעסאנטלער אויף שניי־גליטשערס, העלד פונעם סאָוועטן־פארבאנד לייזער פאפערניק, די שטארקע קלעפ פון די טאנקען־אטאקעס פונעם העלד פון סאָ־וועטן־פארבאנד שלמה גאָרעליק, די באָמבע־קלעפ פו־נעם העלד פון סאָוועטן־פארבאנד מיכאל פלאָטקין (פלאָטקינס עראָפּלאן איז אלס שלאכט־רעליקוויע פון דער צווייטער וועלט־מלחמה עקספּאָנירט געוואָרן אויף אן אויסשטעלונג אין לענינגראד).

אין מיין פראָנט־בלאָקנאָט האָבן זיך פארהיט נאָ־טיצן, וועלכע איך האָב גענומען פון אן אָפיציעלער פראָנט־אינפאָרמאציע: פאר פאָרסירן דעם דניעפער האָבן 840 סאָוועטישע קריגסלייט באקומען דעם טיטל העלד פונעם סאָוועטן־פארבאנד, צווישן זיי 607 רוסן, 181 אוקראינער, 27 יידן, 9 טאָטערן, 8 קאזאכן, 6 אר־מענער, 2 ווייסרוסן.

דער סאָוועטן־פארבאנד, די סאָוועטישע פעלקער האָבן אויסגעטראָגן אויף זייערע אַקסלען די גרונט־לאסט פונעם קאמף קעגן דעם היטלער־דייטשלאנד. אין

די ביטערסטע גערא‍נגלען מיטן פאשיזם, וועלכער האָט געדראָעט מיט גענאָציד ניט בלויז מיין פאָלק, נאָר אויך דער גאנצער וועלט, האָט געזיגט די הומאַניסטישע אידעאָלאָגיע, וועלכע איז באַזירט אויף די פּרינציפּן פון ברידערשאַפט און מיטאַרבעט צווישן די פעלקער.

וויפל יידן זיינען פאַראַן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד?

בעת דער פאָלקס־ציילונג אין 1959 זיינען אין פּססר געווען 2 מיליאָן 268 טויזנט יידן. צום 1964 יאָר איז די באַפעלקערונג פון לאַנד אויסגעוואַקסן כמעט אויף 20 מיליאָן מענטשן. אַנטשפּרעכיק איז, פאַרשטייט זיך, אויסגעוואַקסן אויך די צאָל יידן.

אין אַלע סאָוועטישע רעפּובליקן האָבן די יידן די פולע מעגלעכקייט צו אויסנוצן זייערע קענטענישן, שעפערישע פעיקייטן און איינאָרדענען זייער פּערזענלעך לעבן לויטן אייגענעם ווילן און גוסט. מען קאָן דאָס אילוסטרירן מיט ציפער, וועלכע באַלאַנגען צום יאָר 1959. אין רספּסר האָבן זיך דעמאָלט געפונען 875 טויזנט יידן, אין דער אוקראַאינישער סאָוועטן־רעפּובליק — 840 טויזנט, אין דער ווייסרוסישער — 150 טויזנט, אין דער מאָלדאווישער — 95 טויזנט, אין דער אוזבעקישער — 94 טויזנט, אין דער גרוזינישער — 52 טויזנט, אין דער לעטלענדישער — 37 טויזנט, אין דער ליטווישער — 25 טויזנט און אזוי ווייטער.

דאָ איז צום אָרט צו דערמאָנען א פּאָר פאקטן פון דער געשיכטע.

יידן האָבן זיך באַזעצט אין רוסלאַנד בערך מיט 800 יאָר צוריק. אין אייניקע טיילן פון דער געוועזענער רוסלענדישער אימפּעריע, אַשטייגער אין קאַווקאַז, אין קרים, האָבן יידן זיך באַוויזן מיט כּמעט דריטהאַלבן טויזנט יאָר צוריק.

„איך בין געווען אין רוסלאַנד אין די צאַרישע צייטן, איך האָב געזען, ווי שווער עס האָט זיך דעמאָלט געלעבט דאָ די יידן. זיי האָבן נישט געהאַט קיין שום רעכט, מען האָט זיי נישט צוגעלאָזט צו דער וויסנשאַפט, זיי האָבן נישט געטאָרט לעבן דאָרט, וווּ זיי האָבן געוואָלט. עס איז פּשוט אוממעגלעך איבערצורעכענען אַלע באַגרענעצונגען און דערנידעריקונגען, וועלכע זיי האָבן איבערגעלעבט. איך האָב זיך נישט פאַרנומען מיט אַ ספּעציעלן שטודיום וועגן דער היינטיקער לאַגע פון די יידן אין רוסלאַנד. נאָר יעדעס מאָל, ווען איך קום קיין סאָוועטן־פאַרבאַנד (און איך בין אַהער געקומען ניט ווייניקער, איידער צוואַנציק מאָל), איבערצייג איך זיך, אַז דאָס געזעץ און די מאָראַל פונעם לאַנד דערלויבן נישט קיין שום דיסקרימינאַציע בנוגע אַ וועלכער־נישט־איז נאַציאָנאַליטעט, בתוכם אויך דער יידישער" (פּראָפעסאָר דזשעראָם דעוויס, אַן אַמעריקאַנער שרייבער, דאָקטאָר פון פילאָזאָפיע).

אין 1791 איז איינגעפירט געוואָרן דער טרויעריק־באַרימטער תחום־המושב פאַר יידן. פון דעמאָלט אָן האָבן יידן אין דער רוסלענדישער אימפּעריע געמעגט וווינען בלויז אין שטרענג באַגרענעצטע ערטער: אויף דער טעריטאָריע פונעם איצטיקן פוילן, פון ליטע, ווייס־

רוסלאַנד, אוקראַינע, קרים, מאָלדאַוויע און פון אַן אומ־באַדייטנדיקן טייל פון צענטראַל־רוסלאַנד. פונעם תחום־המושב האָט מען אויסגעשלאָסן אַ ריי שטעט — קיעוו, ניקאָלאַיעוו, סעוואַסטאָפּאָל, יאַלטע און אַנד., ווו יידן האָבן נישט געהאַט קיין וווין־רעכט. מחוץ די גרענעצן פונעם תחום־המושב האָבן געמעגט וווינען נאָר יידן מיט הויכבילדונג, סוחרים פון ערשטער גילדיע און ערטערווייז — בעלי־מלאכות. די בעלי־מלאכות האָבן פּראַקטיש נישט געהאַט קיין מעגלעכקייט צו באַנוצן זיך מיט די דאָזיקע רעכט זייערע — דערין האָבן געשטערט די קאָמפּליצירטע צעכישע און פּאָליציייאישע פאָרמאַליטעטן, די קליינלעכע אַפּטרפּסות און כאַבאַר. ווידער יידן מיט הויכבילדונג זיינען געווען זייער ווייניק, ווייל אין די לערן־אַנשטאַלטן איז פאַר יידן געווען איינגעפירט אַ פּראָצענט־נאָרמע.

דער תחום־המושב איז געווען איינער פון די וויכטיקסטע פאַקטאָרן פון דער שווערער לאַגע פון דער יידישער אָרעמשאַפט (און די יידישע אָרעמשאַפט האָט דאָך באַטראָפן די איבערוועגנדיקסטע מערהייט צווישן די יידן אין צאַרישן רוסלאַנד), איינע פון די גרונט־סיבות פונעם יידישן פּאופּעריזם, וואָס האָט אַרומגעכאַפּט אַ פינפטחלק פון דער יידישער באַפעלקערונג.

בלויז די אָקטאָבער־רעוואָלוציע פון 1917 האָט איינמאָל פאַר אַלעמאָל ליקווידירט איינס פון די שענדלעכסטע בלעטלעך אין דער געשיכטע פון די רדיפות קעגן יידן אין רוסלאַנד — דעם תחום־המושב. אין די לעצטע יאָרצענדליקער זיינען גרויסע יידישע מאַסן אַרי־

בערגעפּאָרן פון די קליינע שטעטלעך אין די גרויסע צענטרען פון דער אינדוסטריע און קולטור. היינט ווערט אָן אָוונט פון יידישן ליד אין מאָסקווע אָדער לענינגראַד, צום ביישפּיל, אין סווערדלאָווסק אָדער נאָוואָסיבירסק באַזוכט דורך אַסך אַ גרעסערן עולם, איידער, לאָמיר זאָגן, אין די טראַדיציאָנעלע „יידישע" צענטערס בערדיטשעוו אָדער וויטעבסק.

עס פאַרשטייט זיך, אַז דערמיט וויל איך ניט זאָגן, אַז אין בערדיטשעוו אָדער וויטעבסק, צי אין אַנדערע שטעט פונעם געוועזענעם תחום־המושב זיינען שוין ניטאָ קיין יידן. יידן זיינען דאָרט פאַראַן אויך איצט. דאָרט איז אָבער קיין זכר נישט געבליבן פון דער אַמאָליקער יידישער התבודדות, פונעם אָפּגעזונדערטן יידישן לעבן.

מען פרעגט אָפט, וועלכע פּראָפעסיעס זיינען אַמערסטן פאַרשפּרייט צווישן די סאָוועטישע יידן?

אין דער פאַרגאַנגענהייט האָבן יידן געהאַט זייערע טראַדיציאָנעלע פאַכן, וועלכע האָבן ביי זיי פאַרנומען דאָס הויפּט־אָרט. אַזוי, למשל, זיינען 30 פּראָצענט פון דער יידישער באַפעלקערונג פון צאַרישן רוסלאַנד געווען קליין־הענדלער. אין תחום־המושב זיינען געווען סך־הכל 20 טויזנט יידישע אַרבעטער — כמעט אַזויפיל, וויפל מלמדים, — און אויך זיי האָבן געאַרבעט אין קליינע אונטערנעמונגען. אין די גרויסע פאַבריקן און זאַוואָדן, וועלכע געפינען זיך דער עיקר אין די גרויסע

שטעט, זיינען יידישע ארבעטער געווען, באַטירלעך, שפּאַט ווייניק.

דאָס שווערע, געדריקטע לעבן, די פּאַרשפּאַרטקייט אין שמאָלע טעריטאָריעלע גרענעצן האָט געצווונגען די יידן צו נעמען זיך פאַר אַלץ, וואָס עס לאָזט זיך, אַבי פאַרדינען אויפן טרוקענעם שטיקל ברויט. וועגן אויסקלייבן אַ פאַך, וואָס איז מער צום הארצן, איז גאָר אין זינען נישט געלעגן...

„דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד באַזוך איך דאָס ערשטע מאָל. איך בין געווען אין אַסך שטעט. אין מינסק, אין צענטער פון שטאָט, האָב איך געזען צוויי גרויסע ערן־ווײטרינעס, אויף וועלכע עס לויכטן די נעמען פון די מענטשן, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט אין פאַרשיידענע ארבעטס־געביטן. אויף איינעם פון די ערן־טאָוולען האָב איך צווישן די פיר און צוואַנציק נעמען אָנגעציילט אַכט יידישע, אויפן צווייטן האָב איך פון צוויי און צוואַנציק אָנגעציילט פיר יידישע נעמען. אָט דער פאַקט זאָגט, לויט מיין מיינונג, גאַנץ פיל" (פּראָפעסאָר חיים דארין־דראַבקין, דירעקטאָר פונעם דעפּאַרטאַמענט פון עקאָנאָמישע און סאָציאָלאָגישע אויספאָרשונגען אין ישראל).

אין די סאָוועטישע באַדינגונגען אָבער זיינען יידן פרייע בירגער פון לאַנד און זיי האָבן אַלע מעגלעכקייטן אויסצוקלייבן אַזאַ פאַך, וואָס אַנטשפּרעכט זייערע גוסטן, ווי דאָס האָבן די מעגלעכקייט אַלע סאָוועטישע מענטשן. צווישן יידן קאָן מען איצט זען אַזעלכע פּראָפעסיעס, וועגן וועלכע זיי האָבן פריער אַפילו טרוימען נישט געקאָנט.

א ייד איז שוין נישט קיין „אויסטערלישע באַשעפעניש“ צווישן אַרבעטער, פויערים, אָפיצירן, אינזשענירן, געלערנטע. מיין באַקאַנטער חיים מינקין, וועגן וועמען עס האָט געשריבן אין „סאָוועטיש היימלאַנד“ דער אָנגעזעענער רוסישער שרײַבער קאָנסטאַנטין סימאָנאָוו, איז אויף דער מלחמה געווען אַן אויסשפּירער. פאַר זיינע פראָנט־פאַרדינסטן איז ער באַלוינט געוואָרן מיטן סאָלדאַטישן אָרדען „רום“ פון אַלע דריי מדרגות. איצט איז ער אַן עלטערער וויסנשאַפטלעכער מיטאַרבעטער אינעם הידראָגעאָלאָגישן אינסטיטוט. וועגן דעם קאַפּיטאַן פון דער סאָוועטישער אַרמיי פּיוול גאָרעליק האָט בשעתו געשריבן די גאַנצע סאָוועטישע פּרעסע. ער האָט אָנגעפירט מיט דער גרופּע סאַפּיאָרן, וואָס האָט אַנטשעדיקט אין קורסק א גרויסן דייטשישן באָמבעס־לאַגער, וועלכן מען האָט אַנטדעקט אין אַסך יאָרן אַרום נאָך דער מלחמה. דער קאָמאַנדיר פונעם אַעראָפּלאַן «ТУ-124» וויקטאָר מאָסטאָוואָי האָט אין אויסערגעוויינלעך שווערע באַדינגונגען „געלאַנדעט“ אויפן טייך ניעווא (לענינגראַד) זיין ריזיקע לופט־שיף, און ווען די מאָטאָרן האָבן זיך אומגעריכט אָפּגעשטעלט. אויף אַזא אופן האָט ער געראַטעוועט פון א זיכערן טויט די פּאַסאַזשירן און די מאַנשאַפט. די צוויי שוועסטער אירינע און טאַמאַרע פּרעס, וועלכע האָבן אָנטייל־גענומען אין די XVIII אָלימפּישע שפּילן אין טאָקיאָ, האָבן געוווּנען דריי גאָלדענע מעדאַלן. אין צעלינער קאַנט איז געוואָרן באַרימט דער אַגראָנאָם, איצט דירעקטאָר פון א סאָווירט, לאה גאָלדבערג. אין קעשענעוו

איז ברייט באקאנט דער נאָמען שבתי מאושקאצאן —
ער איז א העלד פונעם סאָוועטן־פארבאנד, א צעך־
מייסטער אינעם זאוואָד „עלעקטראָמאשינא".

דאָ זיינען אויסגערעכנט בלויז געציילטע נעמען פון
יידן, וועלכע עס קען דאָס גאנצע לאנד.

ניט לאנג צוריק בין איך געווען אין בערדיטשעוו.
אין דער פארגאנגענהייט איז דאָס געווען א טיפּישע
שטאָט פון תחום־המושב. איך האָב געבעטן דעם בער־
דיטשעווער תושב אלעקסאנדער קרינפעלד, ער זאָל
מיר דערציילן וועגן זיין לעבן. אָט וואָס איך האָב פון
אים געהערט.

— דרייסיק יאָר האָב איך געארבעט אלס שאָפער.
מיין טאטע, שמואל, האָט אמאָל אויך געפירט פאסאזשירן.
נאָר ער איז געווען א בעל־עגלה. זיין קליאטשע איז
געווען אן אמתה פגירה, הויט און ביינער. יעדן טאָג
פלעגן מיר מיט שרעק ריכטן זיך, אז אָט־אָט וועט
דער טאטע קומען אהיים אן איינגעשפּאנטער אין די
האָלאָבליעס. אויף שבת פלעגט ער גאנץ אָפט אָנשטאָט
פלייש ברענגען אהיים ביליקן געזאלצענעם הערינג. נאָר
ער איז געווען נאָך א ווערטלזאָגער, פלעגט ער אין
אזעלכע פאלן אויסרופן: „גם זו לטובה".

— און ווי לעבט זיך אייך?

— נישט צו פארזינדיקן. מיינע קינדער האָב איך
שוין געשטעלט אויף די פיס און איך האָב זיך מיט זיי
נישט וואָס צו שעמען. די טאָכטער אנע איז א אינזשע־
ניער, איר מאן — אויך א אינזשעניער. זיי האָבן צוויי
קינדערלעך, ווינען און ארבעטן אין ריגע. דער זון

זכריה איז א קאַפּיטאַן פון דער סאָוועטישער אַרמיי, לערנט זיך אין א מיליטערישער אַקאַדעמיע. איך מיטן ווייב זיינען געבליבן אַליין, ווי מען זאָגט עס, „דיד דא באבא". פאַראַיאָרן בין איך געוואָרן א בן־שישים און איך באַקום פּענסיע (עמעריטור)...

אין א קליין שטעטל נישט ווייַט פון זשיטאָמיר האָט געוווינט א גלעזער מיטן נאָמען אליהו הערמאַן. טאָג נאָך טאָג פלעגט ער גיין געבויגן אין דרייען אונטערן קאַסטן גלאָז און פלעגט שטיל שעפּטשען: „רבונו של עולם, מאַך אַזוי, אַז אין די הייזער זאָלן זיך אָפּטער ברעכן די שויבן". זיין זון מאַקס איז שוין נישט קיין גלעזער, נאָר א אינזשעניער אין עלעקטריקער. ער איז הויפּט־מייסטער פון עלעקטרישן צעך אין איינעם פון די אינדוסטריעלע גיגאַנטן פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד — פון ניזשני־טאַגילער מעטאַלורגישן קאָמבינאַט. דאָ, אויף אוראַל, זיינען אויסגעוואַקסן זיינע קינדער. זיי זיינען אויך נישט קיין גלעזער. דער עלטערער זון באָריס איז א מייסטער פון א דאָמנע־אויוון, דער ייִנגערער — עליע — א מייסטער א וועלצער בא א גיגאַנטישן בלו־מינג. די טאָכטער מאַיע — א מעטאַל־טאָקער, אין אָוונט לערנט זי זיך אין מעדיציניש אינסטיטוט.

און אָט איז דער גורל פונעם באַרימטן גענעראַל דוד דראַגונסקי, וואָס איז צוויי מאָל העלד פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. זיין טאַטע, אַברהם דראַגונסקי, איז געווען א שניידער בן שניידער אין שטעטל סוויאַטסק, בריאַנסקער געגנט. דאָס איז געווען א געזינד, וווּ די קינדער האָבן קיינמאָל נישט געהאַט קיין שטיקל ברויט צו זאַט. די

זין און טעכטער האָבן פון די יונגע יאָרן אָן זיך געגו־
מען צו נאָדל־און־פאָדעם. בלויז דעם ייִנגסטן, דודלען,
האָט צוגעשפּילט דאָס מזל: ווען ער איז אַלט געוואָרן
זיבן יאָר, איז פאָרגעקומען די אָקטאָבער־רעוואָלוציע.
צוערשט האָט ער געלערנט אין אַ שול. דערנאָך איז ער
אוועקגעפאָרן קיין מאָסקווע, ווו ער האָט געאַרבעט ביי
דער בויאונג פון מעטראָ, אויף די רישטעוואַניעס פון
נייע הייזער. אין דער סאָוועטישער אַרמיי האָט ער
דורכגעמאַכט דעם וועג פון אַ פּשוטן סאָלדאַט ביז אַ
גרויסן קריגספירער.

„איך פאַרנויג מיין קאָפּ פאַר דעם גרויסן רוסישן פאָלק, וואָס האָט צעעפנט פאַר מיין פאָלק אַזעלכע רי־זיקע לעבנס־מעגלעכקייטן" (שלום אש, איינער פון די גרעסטע יידישע שרייבער אין אַמעריקע).

יהושע גאָטסדינער האָט מיט אַסך יאָרן צוריק פאַר־
לאָזט זיין שטעטל, זיין פאַך (ער איז געווען פּשוט אַ
„לאַטוטניק" — געלאַטעט אַלטע שיך) און אוועקגעפאָרן
אין דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט, ווו ער האָט זיך
באַזעצט אינעם דאָרף וואַלדהיים. אַ לאַנגע צייט האָט ער
דאָ געאַרבעט אַלס פערד־אויפזעער („קאָניוך") און סאָד־
ציכטלער. איצט איז ער אויף פּענסיע (עמעריטור).
זיין פרוי באַסיע איז נאָך ביז איצט אַ מעלקערין. דער
עלטערער זון — באָריס — איז אַ בינענציכטלער, איז
באַלוינט מיט אַלפאַרבאַנדישע לויב־גראַמאָטעס און מיט
מעדאַלן פאַר דער הויכער קוואַליטעט פון זיין האָניק.
דער ייִנגערער זון — יאַנקל — איז אַ מעכאַניקער ביים

רעמאַנט פון לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינעס. די טאָכ־טער רבקה איז אַ גרינסציכטלערין. ריווע גאָטסדינער־ווישטשיניקינאַ האָט מיט איר ערלעכער מי דערוואָרבן גרויס אַכטונג צו זיך מצד דער אַרומיקער באַפעלקע־רונג. בעת די וואַלן אין 1962 איז זי אויסגעוויילט גע־וואָרן אַלס דעפּוטאַט פונעם אויבער־סאָוועט פון פּססר.

כדי דער ענטפער אויף דער פראַגע זאָל זיין אַ פו־לער, וועל איך דאָ ברענגען אייניקע ציפער. און ציפער, ווי באַוווּסט, בויטיקן זיך אָפּט נישט אין קיין קאָמענ־טאַרן. צווישן די ספּעציאַליסטן מיט העכער און מיטע־לער בילדונג, וועלכע אַרבעטן אין דער סאָוועטישער פאָלקסווירטשאַפט, באַטרעפט די צאָל יידן 427.100 מענטשן, דאָס הייסט 19 פּראָצענט פון דער גאַנצער יידישער באַפעלקערונג פון לאַנד.

מיר, סאָוועטישע יידן, זיינען שטאָלץ דערמיט, וואָס צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע פעלקער פון לאַנד טראָגן מיר אַריין אויך אונדזער חלק אין דער אַנטוויקלונג פון דער סאָוועטישער וויסנשאַפט. אין סאָוועטן־פאַרבאַנד זיינען פאַראַן כמעט 128 טויזנט געלערנטע — דאָק־טאָרן אָדער קאַנדידאַטן פון פאַרשיידענע וויסנשאַפטן. אַ העלפט פון זיי איז טעטיק אין די טעכנישע אָדער פיזיש־מאַטעמאַטישע וויסנשאַפטן. פון יעדע 100 גע־לערנטע זיינען 50 רוסן, 10 אוקראַינער, 6 יידן, 2 אַר־מענער, 2 גרוזינער און אַז.וו. צו די דאָזיקע ציפער ווילט זיך צוגעבן, אַז צווישן די מיטגלידער־קאָרעס־פּאָנדענטן אוןווירקלעכע מיטגלידער פון דער אַלפאַר־באַנדישער וויסנשאַפט־אַקאַדעמיע זיינען פאַראַן 57

יידן, צווישן די מיטגלידער־קאָרעספּאָנדענטן אוןווירק־לעכע מיטגלידער פון דער אַקאַדעמיע פון מעדיציניש ע וויסנשאַפטן — 20.

אין סאָוועטישן לאַנד רופט מען אָן מיט טיפסטער אַכטונג די נעמען פון אַזעלכע גרויסע געלערנטע, וועל־כע זיינען באַרימט אין די פאַרשיידנסטע געביטן פון דער סאָוועטישער און אַלוועלטלעכער וויסנשאַפט, ווי די לאַורעאַטן פון נאָבעל־פּריז פּאַוועל טשערענקאָוו, איגאָר טאַם, איליאַ פראַנק, ליעוו לאַנדוי, די אַקאַדע־מיקער וולאַדימיר וועקסלער, סעמיאָן וואָלפּקאָוויטש, אַלעקסאַנדער גרינבערג, איסאַק מינץ, אַלעקסאַנדער פרומקין, הערש בודקער, בן־ציון ווול, ליעוו גאַטאָוו־סקי, ישראל העלפאַנד, לעאָניד קאַנטאָראָוויטש און פיל אַנדערע.

ביי די סאָוועטישע געלערנטע וואַקסט אַ ווירדיקער אומבייט. און דאָס איז נאַטירלעך, ווייל אין סאָוועטן־פאַרבאַנד טוט מען אַלץ, כדי ווי געהעריק גרייטן יונגע הויכקוואַליפיצירטע און הויכגעבילדעטע ספּעציאַליסטן. צווישן די סטודענטן, די קינפטיקע ספּעציאַליסטן, גע־פינען זיך נישט ווייניקער פון 77 טויזנט יידישע יוגנט־לעכע. ביים אָנקומען אין אַ הויכשול שפּילט קיין שום ראָ־ליע נישט די נאַציאָנאַליטעט אָדער ראַסע פון אַ ביטור־ריענט. דער עיקר איז די קענטעניש, וועלכע ער ווייזט אַרויס אויף די עקזאַמענעס. איך וועל עס אילוסטרירן אויף מיין אייגענעם געזינד. מיין עלטערער זון האָט מיט אַ יאָר צוריק באַקומען אַ אינזשעניער־דיפּלאָם און ער אַרבעט אין אַ קאָנסטרוקטאָרן־ביוראָ. דער ייִנגערער

זון האָט פּאַריקן יאָר אויסגעהאַלטן די קאָנקורס־עק־זאַמענעס און איז געוואָרן אַ סטודענט אין איינעם פון די פירנדיקע פאַקולטעטן פון אַ מאָסקווער טעכנישן אינ־סטיטוט.

די סאָוועטישע יידן טראָגן אריין נישט קיין קליי־נעם חלק אין דער רוסישער סאָוועטישער ליטעראַטור און קונסט. צווישן די שרייבער און זשורנאַליסטן באַ־טרעפט די צאָל יידן 8,5 פּראָצענט, צווישן די שוישפּי־לער, מוזיקאַנטן און מאָלער — 7,7 פּראָצענט. ברייט באַקאַנט און באַליבט איז די שאַפונג פון אַזעלכע אָנגע־זעענע פאָרשטייער פון דער סאָוועטישער קולטור, ווי די שרייבער איליא ערענבורג, סאַמואיל מאַרשאַק, עמנואל קאַזאַקעוויטש, ווערע אינבער, פּאַוועל אַנטאָ־קאָלסקי, איזאַק באַבעל, וואַסילי גראָסמאַן, נתן ריבאַק, מיכאַל סוועטלאָוו, די פידלער דוד אויסטראַך און לעאָניד קאָגאַן, די באַלערינע מאַיע פּליסעצקאַיא, די קינאָ־רעזשיסערן מארק דאָנסקאָי, גריגאָרי ראָשאַל, סערגיי יוטקעוויטש, די שוישפּילער מאַרק רייזען, אַרקאַדי ראַי־קין, פאַינע ראַנעווסקאַיא. דעם קאַרל מאַרקס־דענקמאָל, וואָס שטייט אין סאַמע צענטער פון מאָסקווע, אַנטקעגן דעם גרויסן טעאַטער, לעבן רויטן פּלאַץ, האָט געשאַפן דער סאָוועטישער סקולפּטאָר, דער ייד ליעוו קערבעל.
ווי מיר זעען, איז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד נישטאָ קיין איין געביט פון דער וויסנשאַפט, טעכניק, קולטור, ווו עס זאָלן נישט אַרבעטן יידן.

וואָס פאר אן אָנטייל נעמען די יידן אינעם געזעל־שאפטלעכן און מלוכהשן לעבן פון לאנד?

דעם זעלבן, וואָס אלע סאָוועטישע מענטשן.

דאָס יידישע פאָלק איז זייער שטאָלץ דערמיט, וואָס עס האָט געשענקט דער ערשטער סאָוועטן־רעפובליק אזא רייכע און פרעכטיקע פערזענלעכקייט, ווי יאקאָוו סווערדלאָוו, דעם ערשטן פרעזידענט פונעם סאָוועטישן לאנד, וועמען לענין האָט כאראקטעריזירט אלס אָנגע־זעענסטן פראָלעטארישן פירער. שוין באלד א האלבער יאָרהונדערט זינט עס עקזיסטירט די סאָוועטן־מאכט, און אין משך פון די אלע יאָרן האָבן מיר צווישן די העכסטע אָנפירער פון אלע געביטן פאָלקסווירטשאפט און קולטור געזען מענטשן, וועלכע שטאמען פון די פארשיידנסטע נאציאָנאליטעטן פון לאנד, בתוכם נישט ווייניק יידן. אין מינסק ארבעט אלס וויצע־פאָרזיצער פונעם מלוכה־פלאן פון דער ווייסרוסישער רעפובליק דער אינזשעניער פיאָטר שווארצבורד. אין דער הויפט־שטאָט פון גרוזיע — טביליסי — איז רפאל עליגולא־שווילי פרעזידענט פון דער האנדלס־פאלאטע פון דער רעפובליק, מארק זלאטקין — הויפט־רעדאקטאָר פונעם גרעסטן אין גרוזיע ביכער־פארלאג, ראָבערט זלאטקין (א זון פון מארק זלאטקין) — פאראנטוואָרטלעכער מיט־ארבעטער פונעם צענטראל־קאָמיטעט פון דער קאָמו־ניסטישער פארטיי פון גרוזיע; אין דער הויפט־שטאָט פון אוזבעקיסטאן — טאשקענט — איז דער ייד וולא־דימיר וועגנערסקי אן אָנפירנדיקער טוער אינעם צק

פון דער אוזבעקישער קאָמפּאַרטיי; אין קיִעוו איז א מיטגליד פונעם געגנטלעכן קאָמיטעט פון דער קאָמפּאַרטיי און שעף פון א בוי־טרעסט דער העלד פון סאָציאַליסטישער מי יצחק באַרענבוים.

צווישן די דעפּוטאַטן פון די סאָוועטן, אָנגעהויבן פונעם אויבער־סאָוועט פון פּסס״ר און געענדיקט מיט די אָרטיקע, זיינען פאַראַן 7.647 יידן. צווישן זיי קאָן מען אָנרופן אַזעלכע באַוווּסטע פּערזענלעכקייטן, ווי דער וויצע־פּאָרזיצער פונעם סאָוועטישן פּרעמיער און פּאָרזיצער פונעם ראַט פון דער פאָלקסווירטשאַפט פון פּסס״ר בנימין דימשיץ, דער אַרמיי־גענעראַל העלד פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד יעקב קרייזער, פאָלקס־קינסטלער פון ווייסרוסלאַנד סקולפּטאָר זאַאיר אַזגור, פּאָרזיצער פונעם קרימער קאָלווירט „פּעלקער־פריינטשאַפט“ עליע יהודין, הויפּט־רעדאַקטאָר פון דער ליטווישער צייטונג „טיעסאַ“ הענריך זימאַנאַס, אָנפירנדיקער טוער אין געביט פון דער פּראָדוקציע און פונעם פאַרקויף פון לאַנדווירטשאַפטלעכער טעכניק אין אוזבעקיסטאַן נחום פּערשטאַק און נאָך און נאָך.

טויזנטער יידן פאַרנעמען אָנפירנדיקע פּאָסטנס אין די פאַבריקן און זאַוואָדן, אין די מלוכה־אַנשטאַלטן, אין די באַואָפּנטע קרעפטן פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, אין די לערן־אַנשטאַלטן און וויסנשאַפטלעך־פאָרשערישע אינסטיטוציעס, אין די געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס.

לאָמיר דאָ, דרך אגב, באַטאָנען, אַז אין דער סאָוועטישער געזעלשאַפט ווערט א מענטש געשעצט לחלוטין בלויז לויט דעם פּאָסטן, וועלכן ער פאַרנעמט, אָדער

לויט דעם טיטל, וועלכן ער טראָגט. אכטונג און אויטאָ־ריטעט פאַרשאַפט דעם מענטשן זיין געטרייע, בוצלעכע מי, זיין איבערגעגעבענע געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט.

אין מערב צירקולירן קלאַנגען, אַז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד ווערן נישט אַרויסגעגעבן קיין ביכער אין יידיש. צי איז דאָס ווירקלעך אַזוי?

די גרעסטע מערהייט סאָוועטישע יידן — 80 פּראָ־צענט פון דער יידישער באַפעלקערונג אין פסםר — קענען נישט לייענען און שרייבן אויף יידיש. זיי רעדן און לייענען אויף רוסיש אָדער אויף דער שפּראַך פון דער רעפּובליק, וווּ זיי וווינען. אַזעלכע יידן ווערט געגעבן די מעגלעכקייט צו לייענען די יידישע ליטעראַטור אין דער שפּראַך, וועלכע זיי באַהערשן. פאַר די לעצטע 7—8 יאָר זיינען, למשל, שלום־עליכמס ווערק אַרויסגעגעבן גע־וואָרן אין דער רוסישער איבערזעצונג מיט אַ טיראַזש פון העכער 3 מיליאָן עקז. בלויז דער זעקסבאַנד פון שלום־עליכמס ווערק, וואָס איז דערשינען אין רוסיש צום 100־טן געבוירנטאָג פונעם שרייבער, איז פאַר־שפּרייט געוואָרן אין 225 טויזנט קאָפּיעס. פון אַזאַ ריי־זיקן טיראַזש האָבן שלום־עליכמס ווערק קיינמאָל און אין ערגעץ נישט געוווּסט, אַפילו אין אַמעריקע, וווּ עס וווינען קרוב פון 6 מיליאָן יידן. אין רוסיש זיינען אַי־בערגעזעצט די ווערק אויך פון די אַנדערע יידישע קלאַ־סיקער — מענדעלע מוכר־ספרים און יצחק־לייבוש פּרץ. די מלוכה־פאַרלאַגן פון מאָסקווע, קיעוו, מינסק,

קעשענעוו האָבן אינעם דערמאָנטן פעריאָד ארויסגע־געבן אין אן איבערזעצונג אויף די געהעריקע שפּראכן מער פון 200 ביכער פון די היינטצייטיקע יידישע סאָוועטישע שרייבער. יידישע פּראָזע און פּאָעזיע דרוקן זיך אויך אין פיל זשורנאלן און צייטונגען, וועלכע ווערן ארויסגעגעבן סיי אין מאָסקווע, סיי אין דער פּראָווינץ.

פאר יענע אָבער, וואָס זייער מאמע־לשון איז יידיש, ווערן ארויסגעגעבן א יידישער זשורנאל „סאָוועטיש היימלאנד" און יידישע ביכער. דאָס אלץ דערשיינט אין אזעלכע גרויסע טיראזשן, פון וועלכע עס ווייסט נישט די יידישע ביכער־פּראָדוקציע אין קיין שום לאנד פון דער וועלט. די יידישע שרייבער, וועלכע ווינען אין די פארשיידנסטע שטעט פון לאנד, דרוקן זיך סיסטעמאטיש אין „סאָוועטיש היימלאנד". אין זייערע דערציילונגען, ראָמאנען און לידער מאָלן זיי דאָס פילארטיקע לעבן פונעם סאָוועטישן פאָלק, בתוכם אויך פון די יידן.

איך וועל נעמען אלס ביישפיל איינעם פון די נומערן „סאָוועטיש היימלאנד", לאָמיר זאָגן, דעם נומער פון סעפּטעמבער־אָקטאָבער 1964. דער לייענער וועט דאָרט געפינען א ראָמאן פונעם ווילנער אינזשעניער און שרייבער יצחק מעראס „דער אייביקער שאָך". שוין פון די ערשטע שורות לייענט זיך דער ראָמאן מיט א פארכאפּטן אָטעם. מען וואָלט דאָס ווערק קאָנען אָנרופן — א ליד וועגן ליבע און מענטשלעכער ווירדע. אינעם געראנגל מיטן מערדער און סאדיסט, מיטן געטאָקאָמענדאנט, זיגט א מוטיק יידיש יינגל, כאָטש ער ווייסט, אז אויף אים ווארט דער אומפארמיידלעכער און

נאָענטער טויט. ווייטער גייען א דערציילונג פון דער יונגער קעשענעווער שרייבערין בלימע יאקיר, לידער פונעם גרויסן רוסישן דיכטער מיכאאיל לערמאָנטאָוו (צו זיין 150־טן געבוירנטאָג), איבערגעזעצט דורך די יידישע פּאָעטן משה כאשטשעוואטסקי און שמואל ראָסין, א היסטאָרישע פּאָעמע פונעם ווילנער דיכטער הירש אָשעראָוויטש — „ספּארטאק", לידער־ציקלען פון חיים מאלטינסקי (מינסק), ריווע באליאסנע (קיעוו), יוסף קערלער (מאָסקווע), יהושע לאצמאן (ווילנע), זכרונות פונעם פּראָפעסאָר נחום אויסלענדער וועגן דעם לעגענדארן יידישן דיכטער אשר שווארצמאן, אן ארטיקל פונעם קריטיקער משה נאָטאָוויטש צום 125־טן געבוירנטאָג פונעם יידישן שרייבער יצחק־יואל לינעצקי, טאָגבוך פונעם דיכטער אהרן ווערגעליס „צוואנציק טעג אין אמעריקע".

„סאָוועטיש היימלאנד" גיט ארויס אויך יידישע ביכער. צום סוף פאָריקן יאָר זיינען דערשינען א זאמלונג נאָוועלן און אן אנטאָלאָגיע פון דער היינטצייטיקער יידישער דיכטונג. עס גרייטן זיך צום דרוק און עס וועלן האָיאָר דערשיינען ראָמאנען פון פרץ מארקיש, עליע שעכטמאן, נאָטע לוריע, א זאמלונג נאָוועלן פון פארשיידענע שרייבער, לידער־זאמלונגען פון די דיכטער משה טייף און יעקב שטערנבערג.

ביז איצט איז „סאָוועטיש היימלאנד" געווען א צוויי־חדשימדיקער זשורנאל. פון היינטיקס יאָר אָן גייט ער ארויס יעדן חודש. דער דאָזיקער פאקט, אויך דאָס ארויסגעבן יידישע ביכער עפנט פאר די יידישע שריי־

בער גרויסע פּערספּעקטיוון, נייע ערנסטע מעגלעכקייטן, און דאָס פאַרשטאַרקט זייערע שעפערישע כוחות.

די סאָוועטישע יידיש־לייענער האָבן אויך די פולע מעגלעכקייט צו באַנוצן זיך מיט די העכער 70 טויזנט בענדער פונעם יידישן ביכער־פאָנד אין דער לענין־ביבליאָטעק אין מאָסקווע, מיט די 50 טויזנט בענדער פונעם יידישן ביכער־פאָנד אין דער לענינגראַדער בי־בליאָטעק אויפן נאָמען פון סאַלטיקאָוו־שטשעדרין. עס זיינען פאַראַן יידישע אָפּטיילונגען אין די צענטראַלע ביבליאָטעקן פון ווילנע, ריגע, אָדעס, לוואָוו און אַנדערע שטעט.

די יידישע סאָוועטישע שרייבער האַלטן טייער זייער ענגן קאָנטאַקט מיט די יידיש־לייענער. אין 1964 בין איך בייגעווען אויף צוויי אָוונטן פון דער יידישער סאָ־וועטישער ליטעראַטור — אין ווילנע און אין קיעוו. אויף די אָוונטן זיינען די דיכטער און פּראָזאַיקער אַרויסגע־טראָטן פאַר די לייענער מיט זייערע נייע ווערק. אויף יעדן פון די דערמאָנטע אָוונטן זיינען בייגעווען אַרום טויזנט לייענער.

אין אייניקע צייטונגען פון די מערב־לענדער קאָן מען נאָך ביז איצט טרעפן פאַרשיידענע ווידערשפּרעכ־לעכע אַרויסזאָגונגען וועגן די יידישע סאָוועטישע שריי־בער, וועלכע זיינען געוועזן קרבנות פונעם סטאַלין־קולט. איך האַלט פאַר נויטיק צו זאָגן דאָ וועגן דעם עטלעכע ווערטער. ערשטנס, דאַרף מען געדענקען, אַז ניט בלויז יידן און ניט בלויז שרייבער זיינען געוועזן קרבנות פו־נעם יחיד־קולט. פון דעם דאָזיקן קולט האָבן געליטן

אסך אָנגעזעענסטע אָנפירער פון דער פארטיי, מלוכה, ארמיי, וויסנשאפט און ליטעראטור. צווישן די געלי־טענע זיינען געווען רוסן, אוקראינער, גרוזינער, ארמע־נער און אז.וו. בתוכם, פארשטייט זיך, אויך יידן. די אלע קרבנות זיינען איצט רעאביליטירט, זייערע גוטע נעמען זיינען אויפגעשטעלט. וואָס אָנבאלאנגט די טראַ־גיש אומגעקומענע יידישע שרייבער, דרוקט מען איצט זייערע ווערק אין יידיש, רוסיש, אוקראיניש און אין אנדערע שפראכן. דער מאָסקווער פארלאג „קינסטלע־רישע ליטעראטור", למשל, האָט ארויסגעלאָזט צווייבענ־דיקע אויסגאבעס פון די ווערק פון פרץ מארקיש (30 טויזנט עקז.) און דוד בערגעלסאָן (70 טויזנט קאָפּיעס). פאר די לעצטע 8 יאָר זיינען אין פארשיידענע סאָוועַ־טישע פארלאגן דערשינען לייב קוויטקאָס ווערק אין א ריזיקן טיראזש פון אכט מיליאָן עקזעמפּליארן.

אין סאָוועטן־פארבאנד ארבעטן אסך געלערנטע אין געביט פון יידישער געשיכטע.

איבער די פראגן פון יידישער געשיכטע ארבעט א ספּעציעלע סטאבילע גרופּע וויסנשאפט־טוער אין דער לענינגראדער אָפּטיילונג פונעם אינסטיטוט פון די אזיע־פעלקער ביי דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון פססר. עס איז סימפּטאָמאטיש, וואָס צווישן די געלערנטע עברית־פאָרשער קאָן מען טרעפן אויך רוסן. שטארק פּאָפּולער געוואָרן איז, למשל, דאָס ווערטפולע ווערק פונעם פּראָפעסאָר קלאַוודיא סטארקאָווא וועגן דער שאַ־

פונג פונעם גרויסן יידישן דיכטער און פילאָסאָף פון XII יאָרהונדערט יהודה הלוי.

א גרויס ווערק האָט אָנגעשריבן דער דאָצענט הילל אלעקסאנדראָוו וועגן דער ראָליע פון עקיבא אינעם בר־כוכבא־אויפשטאנד (II יאָרה. פון אונדזער צייט־רע־כענונג). הירש ליווּשיצעס בוך דערציילט וועגן דעם קלאסנקאמף אין יהודה און וועגן דעם אויפשטאנד קעגן רוים.

די קאָנפערענץ וועגן די סעמיטישע שפראכן, וועלכע איז פאָרגעקומען אין מאָסקווע דעם 26—28 אָקטאָבער פאַריקן יאָר, האָט הויך אָפּגעשאצט די ארבעט פון די געלערנטע עברית־פאָרשער. אויף דער דאָזיקער קאָנ־פערענץ זיינען ארויסגעטראָטן מיט אינטערעסאנטע מי־טיילונגען א. גאבריעלאָוו („וועגן אייניקע פאָנעטישע באזונדערקייטן אין דער גערעדטער ארמי־שפּראך"), מ. זאנד („וועגן דער היינטצייטיקער רעד־שפּראך פון עברית"), מ. זיסלין („וועגן דער מזרח־שול פון די גראַ־מאטיקער פון יידיש אין X—XIII יאָרהונדערטן"), א. רובינשטיין („וועגן דעם לעקסיקאָן פון עברית") און אנד.

די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען א ריי וויכטיקע רע־קאָמענדאציעס, באזונדערס וועגן שאפן א שטענדיקן קאַ־בינעט פון דער עברית־שפּראך ביי דער לענינגראדער אָפּטיילונג פונעם אינסטיטוט, וועגן גרייטן לערנביכער אויף עברית און אויף אנדערע סעמיטישע שפּראכן, וועגן ארויסגעבן אין א ברייטן פארנעם די יידישע קול־טור־היסטאָרישע און ליטעראַרישע דענקמעלער.

צי זיינען פאראן אין סאָוועטן־פארבאנד טעאטער־ און קאָנצערט־קאָלעקטיוון, וועלכע טרעטן ארויס אין יידיש?

יאָ, פאראן. אלס כלל זיינען דאָס זעלבסטשטענדיקע שעפערישע קאָלעקטיוון, וואָס אין זייער באשטאנד געפינען זיך מייסטערס פון פארשיידענע זשאנרען: זינגער, דראמאטישע שוישפילער, דעקלאמאטאָרן, מוזיקאנטן. אזעלכע זיינען די קאָנצערט־קאָלעקטיוון פון נחמה ליפשיץ, סידי טאל, בנימין כאיטאָווסקי, עמיל האָראָוועץ, אנע גוזיק, זינאָווי קאמינסקי, אסתר רויטמאן און אנד. דער דראמאטישער קאָלעקטיוו אונטער דער אָנפירונג פונעם פארדינסטפולן ארטיסט פון רספסר בנימין שווארצער שטעלט שלום־עליכמס ספעקטאקלען „טביה דער מילכיקער“ און „דאָס גרויסע געווינס“.

„אפילו די לאנגאָניקע שונאים פונעם סאָוועטן־פארבאנד אנערקענען איצט, אז דאָרט, אין סאָוועטישן לאנד, איז ניטאָ קיין שום לעגאלע דיספאָזיציע, וואָס זאָל זיין שעדלעך פאר די יידן. די יידן האָבן אלע רעכט און מעגלעכקייטן, ווי אלע בירגער, — אין אלע לעבנס־געביטן“ (וואָכנשריפט פון דער סאָציאליסטישער פארטיי פון פראנקרייך „דעמאָקראט 63“, 1964).

יעדער איינער פון אָט די אנסאמבלען האָט זיין שעפעריש פנים. למשל, אינעם קאָלעקטיוו פון נחמה ליפשיץ פארנעמט דאָס ערשטע אָרט דאָס פאָלקס־ליד און דאָס קלאסישע ליד, אין דער פראָגראַם פון סידי טאלס

אנסאמבל — מיניאטורן, סקעטשן און אינטערמעדיעס, מוזיקאלע פעליעטאָנען. אויף די קאָנצערטן פון אנע גוזיק באקאנען זיך די צושויער מיט לירישע, שטייגע־רישע און שפאסיקע לידער, אויך מיט ליטעראריש־מו־זיקאלע קאָמפּאָזיציעס, צונויפגעשטעלט לויט די ווערק פון שלום־עליכם, גאָלדפאדען און פון די היינטיקע יידישע סאָוועטישע אויטאָרן. עמיל האָראָוועץ זינגט, דער עיקר, לידער פון די סאָוועטישע קאָמפּאָזיטאָרן.

די ארטיסטן, וועלכע טרעטן ארויס אין יידיש, בא־וויזן זייער קונסט ניט בלויז אין די גרויסע קולטור־צענטרען, ווי מאָסקווע, לענינגראד, קיעוו, מינסק, ווילנע, ריגע, קעשענעוו, נאָר אויך אין די קלענערע שטעט און ארבעטער־ישובים פון רספסר, אוקראינע, ווייסרוס־לאנד, פון די באלטישע לענדער, מאָלדאוויע, מיטל־אזיע. לידער אין יידיש ווערן טראנסלירט אין די ראדיאָ־אוידיציעס.

מיט יידישע לידער טרעטן ארויס אויך די פּאָפּולערע זינגער מיכאל אלעקסאנדראָוויטש, קלעמענטינא שער־מעל, דינה פּאָטאפּאָווסקאיא און אנד. באריִמט און פּאָ־פּולער איז דער דעקלאמאטאָר פון שלום־עליכמס ווערק אין רוסיש און יידיש, דער אָנגעזעענער מייסטער פון קינסטלערישן וואָרט, פארדינסטפולער ארטיסט פון רספסר עמנואל קאמינקע.

ברייט איז אנטוויקלט אויך די יידישע אמאטאָרן־קונסט. לויט איר מייסטערשאפט שטייט זי אָפט אויף איין הויך מיט דער פּראָפעסיאָנעלער קונסט. אין ווילנע, אשטייגער, ציילט דער קאָלעקטיוו פון יידישער אמא־

טאָרן־קונסט בא די 200 מענטשן. דאָס זיינען ארבעטער, אינזשעניערן, אָנגעשטעלטע פון מלוכה־אנשטאלטן, לע־רער, דאָקטוירים, סטודענטן. מאָטל קאַנאָוויטש איז א בריגאדיר אין א ביי־פאבריק, הירש שארפשטיין — א שניידער, מארק מאָיזעס — א אינזשעניער, משה פיאַנ־קאָ — הויפט־בוכהאלטער פון דער שטאָטישער דרוק־קעריי, שלמה מייעראָוויטש (דער אָנפירער פונעם אָר־קעסטער) — א בוכהאלטער, לייב טראַינאָוויטש (אָנפי־רער פונעם טאַנץ־קאָלעקטיוו) — אַן ארבעטער פון א שיך־פאבריק. דער דראמאטישער קאָלעקטיוו, אין וועלכן עס באטייליקן זיך העכער 50 מענטשן, שטעלט מיט דערפאָלג שלום־עליכמס פיעסן „צוויי הונדערט טויזנט", „טביה דער מילכיקער", „מענטשן", „אגענטן". זייער פּאָפּולער איז דאָ אויך דער אמאטאָרן־כאָר און אמא־טאָרן־אָרקעסטער. מיט די אלע אמאטאָרן־קאָלעקטיוון פירט אָן דער פארדינסטפולער קונסט־טוער פון דער ליטווישער ססר, רעזשיסער פון ווילנער דראמאטישן טעאטער, שלמה מיכאָעלסעס שילער — עמנואל לוריע.

די קאָנצערטן פון די יידישע אויספילער זיינען פאָ־ריקן יאָר באזוכט געוואָרן דורך העכער א האלבן מיל־יאָן צושויער. עס איז כדאי צו באמערקן, אז צווישן די פארערער, לאָמיר זאָגן, פון נחמה ליפשיץ, זיינען פאראן אויך ניט ווייניק רוסן. און דאָס איז גאנץ נאטירלעך. יעדן סאָוועטישן מענטשן אינטערעסירט די קונסט ניט בלויז פון זיין פאָלק, נאָר אויך פון אנדערע פעלקער פון לאנד. ווען עס קומט, אשטייגער, קיין מאָסקווע דער גרוזינישער עסטראדע־אנסאמבל „רערא", האָט ער ביי

די רוסישע צושויער בישט קיין קלענערן דערפאָלג, איידער בא זיך אין דער היים.

אין א ריי פאַלן ווענדן זיך די דראמאטישע טעאַטערס צו יידישער טעמאטיק. אין טשערנאָוויץ (או־קראינע) גייט אינעם שטאַטישן מוזיקאַליש־דראמאטישן טעאַטער גוצקאָווס פּיעסע „אוריאל אקאָסטא", אין אָדע־סער און כארקאָווער טעאַטערן — „טביה דער מילכי־קער".

א פּאָר ווערטער וועגן די מאָלער און מוזיקאַנטן.

פרוכטבאר ארבעטן די יידישע מאָלער אַלעקסאנ־דער טישלער, מאיר אקסעלראָד, מענדל גאָרשמאַן, הירש אינגער, סימאָן גרוזבערג, יצחק גראזשטוטיס, אמשיי ניורענבערג, דער סקולפּטאָר יוסף טשאַיקאָוו, די קינסט־לער פון ביכער־אויספורעמונג שלמה טעלענגאטאָר און הירש קראַוצאָוו. אָט די אָנגעזעענע מייסטערס שאפן נייע ווערק אויף יידישע טעמעס און עקספּאָנירן זיי אויף פארשיידענע אויסשטעלונגען.

אין סאָוועטן־פארבאנד זיינען שטארק פּאָפּולער די לידער פון די יידישע קאָמפּאָזיטאָרן פּולוווער, יאַמפּאָל־סקי, קאָמפּאַנייעץ, שאַינסקי, סענדעריי, קאָגאַן, פּרענ־קעל, באָיארסקאַיאַ.

אסך מענטשן אין מערב אינטערעסירן זיך מיט דער לאגע פון דער יידישער אמונה אין סאָוועטן־פארבאנד.

אין סאָוועטן־פארבאנד איז יעדן מענטשן געגעבן די פולע מעגלעכקייט אליין צו לייזן די פראגע וועגן זיין באציאונג צו רעליגיע. אין קיין שום אָפיציעלן דאָ־

קומענט — נישט אין פּאַספּאָרט, נישט אין פאַרשיידענע אַנקעטעס, נישט אין די בויגנס פון דער פּאָלקס־ציילונג — איז נישטאָ קיין פּונקט וועגן דעם, ביי וועלכער רעליגיע דער געגעבענער בירגער האַלט זיך.

אַלע רעליגיעזע אָרגאַניזאַציעס אין לאַנד האָבן איינע און די זעלבע רעכט און מעגלעכקייטן, אומאָפּהענגיק דערפון, צי דאָס איז אַ גרויסע אָרגאַניזאַציע, וואָס פאַראייניקט אַסך מיטגלידער, אָדער אַ קליינע, אַ ברייט־פאַרשפּרייטע אָדער אַ ווייניק פאַרשפּרייטע.

קיין אויסנאַם שטעלן מיט זיך נישט פאָר אויך די אָנהענגער פון דער יידישער אמונה. אין סאָוועטן־פאַרבאַנד זיינען פאַראַן 97 בתי־מדרשים — אין מאָסקווע, לענינגראַד, קיעוו, ווילנע, ריגע, קעשענעוו, טביליסי, טאַשקענט, מינסק, אָדעס און אַנד. שטעט. די מאָסקווער ישיבה „קול העם" גרייט רבנים, שוחטים און אַנדערע כלי־קודש. די יידישע קהילות באַזאָרגן די פרומע יידן מיט כשר פלייש, מיט מצות, מיט אַ לוח און אַז.וו.

עס איז נישט מיין אויפגאַבע צו אַנאַליזירן די לאַגע פון דער יידישער אמונה אין אַנדערע לענדער. דאָך וועט זיין אינטערעסאַנט צו ברענגען דאָ דעם פאַקט, אַז די רבנים־קאָנפערענץ, וואָס איז נאָך אין 1961 פאָרגעקומען אין פראַנקרייך, האָט אָנערקענט, אַז צווישן דער יידישער באַפעלקערונג אין גאָר דער וועלט זיינען פאַראַן נישט מער פון 20 פּראָצענט גלויבנדיקע. אפילו אין ישראל היט אָפּ די רעליגיעזע מנהגים בלויז אַ פינפטחלק פון דער באַפעלקערונג.

אויב אזוי, איז דאָך שוין איבעריק צו ריידן וועגן דער לאַגע פון דער יידישער אמונה אין סאָוועטן־פאַר־באַנד, ווו כמעט די גאַנצע באַפעלקערונג, אויסער גאָר

„דער סאָוועטן־פאַרבאַנד איז אונדזער היים. צוזאַמען מיט אונדזערע ברידער פון די אַנדערע פעלקער האָבן מיר פאַרלייגט דעם פונדאַמענט פונעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, אויס־געהיט אים פון דער שריפה, און היינט באַשיינען מיר אים ווייטער" (עמנואל דאַווידאַשווילי — דער רב פון טבילי־סער בית־מדרש פון גרוזינישע יידן, מענדל ליפּקי־ווער — דער רב פון טבילּיסער בית־מדרש פון די רוסישע יידן).

א קליינעם טייל, איז געשטימט אַטעאיסטיש. אַטעאיזם איז שוין פון לאַנג אָן ברייט פאַרשפּרייט צווישן די סאָ־וועטישע מענטשן. דאָס דאַזיקע קאָן מען זאָגן סיי וועגן דער קריסטלעכער רעליגיע, סיי וועגן דער יידישער. פאַר ליבהאָבער פון אבסאָלוטער פּינקטלעכקייט קאָן איך דאָ ברענגען אַ סטאַטיסטישע ספּראַווקע. בעת דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע זיינען אין מאָסקווע געווען, ווי מען פלעגט זיך דעמאָלט אויסדריקן, „פּערציק מאָל פּערציק" קריסטלעכע קלויסטערס, קאָנקרעט — 1.600. איצט זיינען פאַראַן 43 קלויסטערס. בתי־מדרשים זיי־נען אין 1924 געווען אין מאָסקווע 7, איצט — 4.

די קאָנסטיטוציע פון פססר אנערקענט פאַר אַלע סאָוועטישע בירגער די פולע רעכט אָפּצוריכטן רעלי־גיעזע ריטואַלן אָדער פירן אַן אַנטירעליגיעזע פּראָפּאַ־

גאנדע. די פרייהייט פון געוויסן איז אין סאָוועטן־לאַנד געזיכערט פאַר אַלע מענטשן, און קיין שום אויסנאַם, אומאָפּהענגיק פון דער נאַציאָנאַלער אָפּשטאַמונג. אויב עס ווערט וואָס ווייטער אַלץ קלענער די צאָל פרומע יידן (און אויך די צאָל בתי־מדרשים), איז דאָס אַ רעזולטאַט בלויז דערפון, וואָס מענטשן זאָגן זיך באַטירלעך אָפּ, לויט זייער אייגענעם געוויסן און פאַרשטאַנד, פון די אידעאַליסטישע אָנשויאונגען און נעמען אָן די מאַטעריאַליסטישע וועלט־אָנשויאונג.

צי גייט אָן צווישן די סאָוועטישע יידן אַן אַסימיליאַציע־פּראָצעס?

יאָ, אַזאַ פּראָצעס קומט פאָר.

עס איז באַוווּסט, אַז נאָך פון גאָר אַלטע צייטן אָן האָבן ביי די יידישע מאַסן זיך געלאָזט מערקן צוויי טענדענצן: איינע — איזאָליאַציע, אַ שטרעבונג צו פאַרהיטן די יידישע ספּעציפיק; די צווייטע — דערנענטערונג מיט דער נאַציאָנאַלער מערהייט פונעם לאַנד. וואָס שטאַרקער די יידן האָבן געליטן פון נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, וואָס הפקרדיקער עס האָט געבושעוועט דער אַנטיסעמיטיזם, אַלץ אינטענסיווער פלעגט זיך אַנטוויקלען די ערשטע טענדענץ. און דאָס זעלבע פאַרקערט — וואָס שוואַכער עס פלעגט ווערן די דיסקרימינאַציע קעגן יידן, אַלץ שטאַרקער פלעגט זיך לאָזן פילן די צווייטע טענדענץ. אין XIX און אָנהייב XX יאָרהונדערט, למשל, האָט די אַסימיליאַציע פון די יידן באַקומען אַ באַזונדערס ברייטן כאַראַקטער אין די סאַמע

אנטוויקלטע לענדער פון אייראָפּע — אין ענגלאַנד, פראַנקרייך, דייטשלאַנד.

דעריבער איז ביז גאָר געזעצמעסיק, אויב אין סאָ־וועטן־פאַרבאַנד, ווו יידן זיינען יורידיש און פאַקטיש פולשטענדיק גלייכבאַרעכטיקטע בירגער, גייט צו די אַסימיליאַציע גאַנץ אינטענסיוו. עס איז כאַראַקטעריס־טיש, אַז פון יאָר צו יאָר ווערט אַלץ קלענער די צאָל יידן, וואָס ווילן זיך אויסלעבן אין יידיש. אויב, לאָמיר זאָגן, אין 1926 האָבן פון יעדע טויזנט יידן 726 מענטשן געהאַלטן פאַר זייער מוטערשפּראַך יידיש, איז אין 1939 די דאָזיקע צאָל געפאַלן ביז 397, און אין 1959 — ביז 200.

דאָס פּראָגרעסיווע, דאָס פאָרגעשריטענע, וואָס עס אַנטהאַלט די נאַציאָנאַלע קולטור פונעם יידישן פאָלק, ווערט דורך די יידן — שרייבער, טוער פון דער וויסנ־שאַפט און קונסט, געזעלשאַפטלעכע טוער — אַריינגע־טראָגן אינעם אַלגעמיינעם אוצר פון דער אינטערנאַ־ציאָנאַלער סאָוועטישער קולטור.

לאָמיר באַמערקן, אַגב, אַז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד קומט פאָר אַן אַסימיליאַציע־פּראָצעס ניט בלויז צווישן די יידן. אָט זיינען אייניקע ביישפּילן. אין אוזבעקיסטאַן וווינען עטלעכע הונדערט טויזנט טאַדזשיקן. זיי רעדן סיי אויף טאַדזשיקיש, סיי אויף אוזבעקיש. עס איז כאַראַקטעריסטיש, אַז פון די טאַדזשיקן, וואָס וווינען אין אוזבעקיסטאַן, איז אויסגעוואַקסן און וואַקסט אויך איצט אַ היפּשער טייל פון דער אוזבעקיסטאַנער אינ־טעליגענץ.

אין טאדזשיקיסטאַן, ווידער, אויפֿן פּאַמיר, ווען מען רופֿט „דער דאַך פֿון דער וועלט", וווינען אין די בערג עטלעכע קלענערע איראַנישע פֿעלקערשאַפֿטן, וואָס האַלטן אַלס זייער מאַמע־לשון זייערע אוראַלטע פּערסישע דיאַלעקטן. עטנאָגראַפֿיש האַלטן זיי זיך אָבער אַלס טאַדזשיקן, און אין דער מערהייט זייערער רעדן זיי טאַקע טאַדזשיקיש. עפּעס ענלעכס קומט פֿאָר אויך צווישן אייניקע שיכטן פֿון די בוכאַרער יידן, וועלכע רעדן בכלל פֿון קינדווייז אָן טאַדזשיקיש (דאָס איז זייער מאַמע־לשון). אָט אַזוי קומט פֿאָר אין טאַדזשיקיסטאַן אַ פּראָצעס פֿון פֿרייוויליקער אַסימילאַציע פֿון אייניקע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן.

לסוף וועלן מיר זיך אין קורצן אָפּשטעלן אויף נאָך אַ נאַטירלעכן פּראָצעס, וואָס קומט פֿאָר אין טאַדזשיקיסטאַן. אייניקע שיכטן פֿון דער טאַדזשיקישער באַפֿעלקערונג, באַזונדערס צווישן דער טאַדזשיקישער אינטעליגענץ, פֿאַרלאַנגען, אַז זייערע קינדער זאָלן זיך לערנען אין רוסישע שולן. און איצט קאָן מען צווישן דעם יונגן דאָר טאַדזשיקן טרעפֿן בחורים און מיידלעך, וועמענס מאַמע־לשון איז רוסיש.

וועגן דער אַלץ גרעסערער דערנענטערונג צווישן די סאָוועטישע נאַציעס און פֿעלקערשאַפֿטן זאָגט עדות דער פֿילנאַציאָנאַלער באַשטאַנד פֿון די אַרבעטער און אָנגעשטעלטע אין די אונטערנעמונגען, פֿון די שילער און סטודענטן אין כלערליי לערן־אַנשטאַלטן, די געמיינזאַמע דערציאונג פֿון קינדער פֿון פֿאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן אין די פֿאַרשול־אַנשטאַלטן און אין די שולן.

אַן איבערצייגנדיקער ביישפּיל דערפון, אַז די סאָוועטישע מענטשן ווערן צווישן זיך אַלץ נעענטער, אַז זיי ברעכן אַלע נאַציאָנאַלע מחיצות און פאָראורטיילן, זיינען די געמישטע חתונות צווישן פאַרשטייער פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן. אַזעלכע חתונות טראָגן איצט א מאסן־כאראקטער.

אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָט זיך אויסגעבילדעט אַזא געמיינזאַמקייט צווישן די נאַציעס און פעלקערשאַפטן, וואָס דערפון האָט די געשיכטע ביז איצט נאָך בישט געוווסט. צווישן די סאָוועטישע מענטשן פון פאַרשיידענע נאַציאָנאַליטעטן האָבן זיך אַנטוויקלט געמיינזאַמע גייסטיקע שטריכן, וועלכע זיינען געבוירן געוואָרן דורך דעם נייעם טיפ געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן. די דאָזיקע נייע גייסטיקע שטריכן האָבן איינגעזאַפּט אין זיך די שענסטע טראַדיציעס פון אַלע סאָוועטישע פעלקער.